פריינט פון יידיש לשון
שבת, שושן־פורים, דעם 20־טן מערץ, 7.30
אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1
אַ גרויסער פורים־באל
פורים־שפילער, מאַסקעס, אַ פורים־רב.
סערווירט: קרעפלעך, המן־טאַשן, פריטלעך.
משקה, שלח־מנות, טאָמבאָלאַ.
מיטן באַטייליקן זיך פון באַקאַנטע קינסטלער.
בילעטן 5 שילינג.    נאָטירט דעם דאַטום: דעם 20־טן מערץ!

זונטיק אין בן־אורי
זונטיק, דעם 28־טן פעברואַר, 8 אַזייגער
אין 14 פאָרטמאַן סטריט, 1.11
הומאָר און סאַטירע אין דער יידישער ליטעראַטור
מיט רעדעס באַטייליקן זיך: י. א. ליסקי, שלמה אויערבאַך, א. אַ.
רעציטירן: נעט רובין, י. ביעטש, רחל מירסקי.    פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה אונזער פריינדין פרוי שטיינמעץ־מייזעלס, וועלכע געפינט זיך איצט נאָך אַן אָפּעראַציע אין פרויען־שפּיטאָל אין סאָהאָ סקווער.
פריינט פון יידיש לשון

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
IMPORT - - EXPORT
518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

166

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 170)    פופצנטער יאָרגאַנג    מערץ 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

לכבוד פורים: 1. „יעמוד ליהודים"; 2. „יורדים" ........ ** 1
די טרופּע פונם גאָלדפאַדן טעאַטער מיט דוד פּינסקי, אין ישראל (פּאָטאָ) 6
דער לאָנדאָנער פּאָג, מאָריס ווינטשעווסקי ........ מוזיק, חזן ברוך סמוס 6
צוויי פורים מעשות: 1. אַ ווייבערישער דיאַלאָג: יאָ פורים נישט פורים;
2. מיין דייוועלען פאַרגלוסט זיך צו שפּילן ויזתא ........ קייטי בראון 7
שלח־מנות אויסגעטיילט פון שמואל וההייט (לידער) ........ שמואל וההייט 11
שלום משומד דער פורים שפּילער (דערציילונג) ........ משה דאָמב 12
מחיית עמלק, אַ היטלער־מאַסקע (לידער) ........ א. נ. שטענצל 15
„די באָרד" און דער ישראל וועלט קאָנגרעס ........ י. ל. פּיין 18
אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל ........ האַננא קאַוואַ 21
גיי שוין, גיי (מיניאַטור) ........ פראַנץ קאַפקאַ 26
נעכטן און היינט (ליד) ........ בן־א סאָכאַטשעווסקי 27
דעם רבינס צענערל (דערציילונג, סוף) ........ י. ביעטש 28
צען סלאַיען (ליד) ........ רבקה קאָפּע 31
נאָר מיט אל־על ........ יוסף פרענקל 31
לאָנדאָנער ידיעות; מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס 32

פרייז 1 שילינג און 6 פענס
אַבאָנענט־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

פריינט פון יידיש לשון

שבת, שושן־פורים, דעם 20־טן מערץ, 7.30

אין אדלער האָל, אדלער סטריט, א.1

## אַ גרויסער פורים־באַל

פורים־שפילער, מאַסקעס, אַ טאַנץ און מוזיק

סערווירט: קרעפּלעך, המן־טאַשן, פּריטלעך.

משקה, שלח־מנות, טאַמבאָלאַ.

מיטן באַטייליקן זיך פון באַקאַנטע קינסטלער.

בילעטן 5 שילינג.

---

„פריינט פון יידיש לשון" — וועסט ענד בראַנטש

## אַ פריילעכער פורים אָוונט

מיט טיי און פאַרבייסנס, וועט פאָרקומען

זונטיק, דעם 14־טן מערץ

אין דיען סטריט שול, 21 דיען סטריט, וו.1.

אָנהויב פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. קומט און ברענגט מיט אייערע פריינט.

איינטריט 2/6.

---

## אויפרוף!

צו אַלע יידן פון דער געוועזענער יידישער קהילה אויבער־ווישאָ (ווישעאול־דע־סוס) מאַראַמורעש (טראַנסילוואַניען), רומעניע.

חשובע פריינט!

ס׳דערנענטערט זיך דער צענטער יאָרצייט פונם חורבן פון אונזער קהילה מיט אַלע אירע רעליגיעזע, קולטורעלע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, (א׳—ז׳ סיון תש״ד—תשי״ד). דער ועד פאַרן „ספר הזכרון" האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך, וועלכער וועט פאַראייביקן אונזער רומפולע קהילה, אירע געזעלשאַפטלעכע, און גייסטיקע מנהיגים — און וועט זיין אַ נר תמיד פאַר די נשמות פון אונזערע פאַרפייניקטע עלטערן און קינדער, שוועסטער און ברידער הי״ד.

שרייבט תיכף אויף דער פאָלגנדער אַדרעס, און איר וועט קריגן צוגעשיקט דעם אויפרוף וועלכן מיר האָבן געדרוקט, מיט פרטים.

הוועד למען הוצאת ה„ספר יזכור" לקהילת ווישא

(י. האָראָוויטץ) תל־אביב, תיבת דואר 4240, ישראל

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 3 (העפט 170) פופצצענטער יאָרגאַנג מערץ 1954 לאָנדאָן

## לכבוד פורים

### 1. „יעמוד ליהודים"

דאָס מגילת־אסתר־בוך, דער פאַנטאַסטיש־טענדענציעזער ראָמאַן אין פאָרטזעצונגען, זיינען יענע צען קאַפּיטלעך אינם תנ״ך, צו לערנען אַ פאַרטריבן פאָלק ווי אַזוי צו קענען לעבן אין גלות; ווי אַזוי, אונטער אַלע אומשטענדן, אויסצוהאַלטן און נישט אונטערצוגיין; ווי אַזוי נישט צו פאַרקומען און אומצוקומען, אַ פאַרלוירענע אומה אין דער דיאַספּאָראַ.

עס איז ממש אַ טעקסט־בוך, וואָס ווייזט געגנוי אָן, ווי אַזוי זיך באַקוועם איינצואָרדנען צווישן פרעמדע פעלקער, ווי אַזוי זיך איינצולעבן און אויסצוקומען מיט זיי און, ווי־נישט־איז, איבערצוקומען דעם פינסטערן בייזן גלות, די טיפע דערנידריגונג, אין גרויס כבוד און גדולה אין „ששון ושמחה ליהודים", „ודורש שלום לכל זרעו". די קינדער וועלן דאָך שוין זיין, נישט נאָר איינגעבירגערט, נאָר אויך שוין איינגעבוירענע...

נישט דאָס גרויסע בוך פון געטלעכן בטחון איז עס און נישט דאָס טיפסטע און אינערלעכע לערנט עס, עס איז אַ ליידנשאַפט־צוציענדיקס און גלייכצייטיק אַ באַלערנדיקס; אַ לייען־בוך פול מיט אונטערהאַלטונג־שטאָף, מיטגענומען אויף אַ לענגערע ווייטער רייזע, וואָס גלייכצייטיק איז עס אויך אַ נוצלעך און פראַקטיש בוך פול מיט אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו באַנעמען ביים פרעמדן טיש, און נאָך אין דער פיינטלעכסטער געזעלשאַפט, מיט אידעלע מאַניערן און פיינעם טאַקט, אַ גוטן איינדרוק צו מאַכן, געפינען חן און לייטזעליקייט. די מגילה לייענט מען, נישט נאָר מיטן טראָפּ, נאָר מיט דריידלדיקע און קניקסנדיקע טאַקטן: „ובהגיע תור אסתר בת אבחיל דוד מרדכי".

עס איז אַ פראַקטיש קלוג בוך פול מיט טריקס און ספּאָסובן, ווי אַזוי פון דער שווערסטער סיטואַציע, פון דער פאַרוויקלטסטער פאַרלעגנהייט סוף כל סוף זיך אַרויסצודרייען, אַ בוך פול מיט אַוואַנטוריסטישע איינפאַלן און כיטרעדיקע המצאות, ווי אַזוי דורך געהיימע גענגלעך און אונטערוועגן אַריבערצושפּרינגען אייגענעם אונטערגאַנג, און צום סוף נאָך געוועלטיקן איבערן שונא.

די צען קאַפּיטלעך פון דער מגילה זיינען די אַנאַלן־פאַרשריפטן פאַרן שטאַלצן שתדלן, צו וויסן ווי זיך נוהג צו זיין — ווי און ווען און ווו — ביים דרייען זיך צווישן די קולואַרן פאַר די קעניגלעכע פאַלאַצן, אונטער די קוליסן פון די שרי המדינה, פאַר די כרפס־ותכלת־פאָרהאַנגען פונם האַרעם פון די קעניגלעכע קעבס־ווייבער.

און ווען ס׳איז שוין גאָר שטאַרק נויטיק צו האָבן זיצן דאָרטן, אינם האָרעם,

אַן אייגענע אסתרקע, אַזאַ באַ׳חנ׳טע און שיינע יידישקע, אַז דער ביטערסטער שונא ישראל צומאָל זאָל מוזן פאַלן קורעים צו אירע געטאָקטע פיסלעך...

דאָס איז דאָך די גרויסקייט פונם תנ״ך, אַז אויף יעדער זאַך, וואָס עס זאָל נישט זיין און ווען עס זאָל נישט געשען, איז דאָ אַ סדרה, אַ פרשה — אַ בפירושער פסוק! „הפוך הפוך בה דכולה בה“. און אויף יעדער צרה שלא תבא איז דאָ אַ פאַרטיקע הפטורה.

„יעמוד, ליהודים!“ צו דער מגילה לאָזט זיך אויפרופן אפילו דער אַסימילאַטאָר שבאַסימילאַטאָרן! ווען אַלע ימים־טובים וועלן שוין האָבן אויפגעהערט, ווען אַלע מצוות וועלן שוין זיין בטל, אָבער דער יום טוב פורים וועט בלייבן; עס איז נישט פאַסטן אַ לאַנגען יום־כפור־טאָג, זיך אַרויסזעצן דרויסן אין אַ סוכה, צי אָפּרעכטן אַ לאַנגען סדר מיט אַ גרויסער הגדה און אָפּציילן רק פיר כוסות — ניין, עס איז אַ מצוה און אַ יום־טוב זיך אָנצושכורן ווי אַ גוי אין שענק... עס איז אַ יום־טוב פון „אדם בצאתך“, צו וואַקלען זיך ווי אַ שכורער גוי אין גאַס, זיך צו וואַלגערן אין רינשטאָק אפילו.

די צען קאַפּיטלעך פון דער מגילה, ווי פראָפאַן זיי זאָלן נישט זיין (קיין איינמאָל צומאָל איז דאָס וואָרט גאָט נישט דערמאָנט אין דער מגילה) געהערן צום תנ״ך, צום ספר־הספרים אין וועלכן די מענטשהייט האָט געפונען איר עקזיסטענץ. זיי געהערן צום פילאָזאָפישן טראַקטאַט מיט וועלכן דער בעל־הביתישער ייד, דער בירגערלעכער מענטש, ווי דער וויזיאָנעריש־פאַרטרוימטער און סאָציאַל־גערעכטער קאָן זיך אויסלעבן אין פריידן זיינע 70 יאָר און נאָך אָפּשפּאָרן ש״י־עולמות אויף עולם הבא.

ווי לאַנג דויערן פילאָזאָפישע סיסטעמען? איין דור, צוויי דורות, און ווען שוין גאָר גרויס און געניאַל — דריי־פיר דורות. זיי זיינען אַלע קלאַסן־סיסטעמען, אָדער צו אינדיווידועל יחידיש, זיינען זיי דערפאַר צייטלעך באַגרעניצט, ווי דאָס לעבן פון די יחידים, אָדער זיי צעשטערן זיך אין מאַסן־קאַמפן.

דאָס הימלישע סיני־סיסטעם, אָבער, איז די אָרדנונג פון דער קרעאַטור־מענטש אינם נאַטירלעכן געווימל אינם טאָג־טעגלעכן געניסן; יעדע מינדסטע רגע אויסצולעבן אין געוויסן־שלימות, אין מנוחהדיקן שלות־הנפש: „אתה ואשתך, ובנך ובתך, עבדך ואמתך ובהמתך“.

די תורה־שבכתב איז די היילן־וווינונג אויף טיפע יסודות געגרונטפעסטיקט, און די תורה־שבעל־פה זיינען די אַלץ העכער און העכער זיך בויענדיקע שטאָקן און גאָרנס, ביז צו די וואָלקן־קראַצערישע אומענדלעכקייט. און די קונציקע קאַרניזן, און די ווונדערלעכע טורעמלעך „שכל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש“, דערגרייכן ביזן זיבעטן הימל אַריין. עס איז אַ סיסטעם אין וועלכן דער מענטש קאָן אייביק לעבן — עס איז נישט קיין איינפאַלנדיקער טורעם פון בבל.

און אין אַזאַ סיסטעם פון אייביקייט, אַז די הימל־שווינדלערישע געביידע — דער בנין עדי עד! — זאָל נישט איינפאַלן, מוז זיין אָנגעוויזן און פאַרגעשריבן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, ווען אפילו דער לעצטער טפח ערד ווערט אָוועקגעריסן פון אונטער די פיס.



אינם מבול בויט זיך נח נאָך אַ תיבה, פאַר זיך און פאַר אַלע קרעאַטורן. און די פאַרברענטע הרוגי־מלכות אין די יריעות פון דער תורה פליען אויף ווי פייגל אין דער לופט מיט די הייליקע אייביקע אותיות.

אין אַזאַ סיני־סיסטעם איז נישט נאָר אינם טויט, נאָכן לעבן דאָ אַן עולם־הבא, נאָר אפילו דער גלות, וואָס קאָן זיין ביטערער און פינסטערער ווי דער טויט, קאָן ווערן אַ גן־עדן: „והעיר שושן צהלה ושמחה, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר“.

אויב די אַנדערע פיר מגילות זיינען די טעקסט־ביכער פאַר די קלאָגער, פאַר די פאַרבענקטע, פאַר די „אני במערב ולבי במזרח“־זינגער, אָדער פאַר די פעסימיסטיש שוין אינגאַנצן רעזיגנירטע, איז דאָס מגילת־אסתר־בוך דאָס טעקסט־בוך פאַר די מרדכי־פּאָליטיקער, פאַר די שטאָלצע דיפּלאָמאַטן שתדלנים און אפילו פאַר די מה־יפית־טענצער, און טאָפּל־לאָיאַליטעטן־יידן פון „מדינה ומדינה“, פאַר די וואַקלדיקסטע „מדינה גייער“...

וואָס קאָן שוין זיין אַ גרעסערע אַסימילאַציע־מבוסמדיקייט, אַ פאַרשכורט זיין פון פרעמדן גויים־נחת, ווי האָבן אַ יום־טוב פון „חייב אדם לבסומא בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי“? דעם גוי, דעם רשע, המנ׳ען צו בענטשן און מרדכי׳ן דעם צדיק, דעם ייד צו שעלטן. אָבער אַזאַ הוה־אַמינאַ־מעגלעכקייט מוז מעגלעך זיין אין אַן אייביקער עקזיסטענץ מעגלעכקייט.

איז טאַקע אין דעם יום־טוב, ביים לייענען די מגילה געהערט טאַקע דער „יעמוד“ — „ליהודים“!

## 2. „יורדים“

אויב מיר זיינען שוין פאַרטיק געוואָרן מיט די „יהודים“, וועלן מיר אויך שוין דערמאָנען די „יורדים“, „וגם חרבונה זכור לטוב“. מילא, האָבן זיי נאָך נישט קיין ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער פעסער, זיינען זיי שוין נישט לעבנס־באַרעכטיקט?...

אין אַ פילאָזאָפיש סיסטעם פון אַ תורת־חיים איז דאָך יעדע קרעאַטור לעבנס־באַרעכטיקט: „אדם ובהמה תושיע ה׳.“

און יונה הנביא, דער ערשטער „יורד“: „ויונה ירד“, „וירד יפו“, „לקצבי הרים ירדתי“, האָט נאָך זוכה געווען צו ווערן אַ „מפטיר יונה“, אין סאַמע יום־כפור, ווייל מיט זיינע קליינע דריי קאַפּיטלעך דערגרייכט ער דעם נביאישן אַפּאָטעאָז פון דער קרעאַטור: „קיין מענטש און קיין בהמה, רינדער און שאָף זאָל נישט פאַרזוכן דאָס מינדסטע; נישט זיי זאָלן פיטערן און נישט זיי זאָלן טרינקען וואַסער. מענטשן און בהמות זאָלן זיין צוגעדעקט מיט זאַק“.

מיט זיין באַרימטן קיקיון־דיונה ראַטעוועט ער „צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן נישט צווישן זייער רעכטער האַנט און זייער לינקער און אויך מענטשן אַ סך“.

און דער „יורד“ אין אַ בויך פון אַ פיש האָט ער זיך געשאַפן זיין אייביקע עקזיסטענץ מעגלעכקייט, פאַר דער אייביקער תפילה פאַר אַלע מענטשלעכע יורדים.

עס קאָכט אַ קאָכעניש אין יידישן וועלטל, עס שטורעמט און עס ברויזט: יורדים עליך ישראל! ווי שטעק־בריוו ווערט דאָס וואָרט זיי נאָכגעשיקט און נאָכגעשריגן — פון אַלע פּלאַטפאָרמעס און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

אין פאַרשידענע לענדער זיינען שוין אפילו דאָ שטאָלצע שתדלנים זיך מה־יפיתדיק משתדל צו זיין, אַז מען זאָל זיי נישט אַריינלאָזן — אַ גוטער יידיש־נאַציאָנאַלער „תירוץ פאַרן מאָגן" פאַר די איינגעבירגערטע „זייאָניסטן יהודים". דער אַלטער אינסטינקט נאָך פון די הויף־יידן, וואָס האָבן מורא פאַר אַ פּריש־אָנגעקומענעם...

אַ שווערע „אבעיה" זיינען איצט די „יורדים" — ממש אַ חרם! מען פאַרמיאוסט זיי, מען דערווייטערט זיי: אויב אַוועק פון ישראל, איז אַוועק פון יידישן פאָלק. זאָל נאָר נישט מיט זיי, מיט די שוואַכע, דער פאַרשוועכטער גלות געשטאַרקט ווערן, חלילה...

צו וואָס פּאָליטיק איז אַלץ פּעאיק! און ערשט אַפּיל־דירעקטאָרן, וואָס האָבן מורא, אַז ס׳קאָן שאַטן צו די „ביזנעס" אויב די „רעפּיודזשיס" האַלטן זיך נישט אין ישראל, וועט דאָך די טראַנסאַקציע אפשר נישט לוינען די מיליאָנערן...

אָבער וואָס זאָלן טון אייביקע נע־ונדניקעס, רוקנביין־לאָזע אַרבעטסלאָזע, ווען דאָס לעבן ווערט זיי פאַרנודיעט? (אין זייער פאַרצווייפלונג ווערן זיי דאָך פעאיק אפילו צו שמד, רחמנא ליצלן). און מיט וואָס זיינען זיי ערגערע יידן פון טוריסטן־נודניקעס, מיט שוין אַרויסגענומענע און שוין אַרויסבאַקומענע אַמעריקאַנישע און ענגלישע פּעסער?

אויב מיר וועלן נעמען אַזעלכע העכערע טענער, ווי מען הערט זיי לעצטנס, פון ישראל פקידים און פון חוץ־לארץ־אָפּישעלס אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וועלן אונזערע שונאים ערשט רעכט מעגן זינגען מיטן מגילה־ניגון: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים... ודתי המלך אינם עושים"...

צו מעטנשלעכער פאַרצווייפלונג און מאַכטלאָזיקייט גייט מען נישט צו מיט דער אָנגעמאָסטענער מאָס פון פּאָליטיק, אפילו נישט מיט יידיש־נאַציאָנאַלער.

די אבעיה: היתכן, צוערשט איז מען אַן „עולה" און דערנאָך ווערט מען אַ „יורד"? די קשיא פון „עולים תחילה ואחר כך יורדים" האָט שוין רש״י הקדוש געענטפערט: „מלאכים וואָס באַגלייטן אין ארץ ישראל גייען נישט מיט קיין חוץ לארץ, זיי גייען צוריק אַרויף אין הימל אַריין, אָבער אַנדערע חוץ־לארץ מלאכים קומען צו גיין און באַגלייטן אין חוץ־לארץ".

דאָס הייסט, אַז מיט אַ יורד, וואָס גייט אַרויס פון ארץ ישראל קיין חוץ־לארץ, גייט נאָך אַלץ מיט אים מיט אַ מלאך; טאַקע אַ חוץ־לארץ׳דיקער, אָבער פאָרט אַ מלאך.

אין אַזאַ אייביק סיני־סיסטעם ווי אונזערס איז פאַר דער ערגסטער סיטואַציע נאָך פאַראַן אַ „בפירושער" פּסוק: „ומלאכי אלוקים עולים ויורדים".

דערפאַר מיט וויניקער גרינגשעצונג און „יהודים"־האַס רײדן פון יידן וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך קאָנען איינאָרדנען אין ישראל און נישט מוזן זוכן נייע עקזיסטענצן אין גלות, לכל הפחות זיינען די יידן אַזוי גוט, ווי



יענע יהודים, וואָס זייער ערשטע מצוה צו לערנען זייערע קינדער איז צו פאַרגעסן זייער פאָלק און זייער היים, „את עמם ואת מולדתם".

די יורדים זיינען צווייערליי. אמת די מערסטע טאַקע פון אייגענער עגאָאיסטיש־פּערזענלעכער דערנידריגונג, אָבער אויך פון דער יידישער ירידה: ערגעץ־ווו פאַרזינקען און נישט זען די שאַנד. נישט אַלע קאָנען זיך „צוריקציען" אין „שדה־בוקר"...

פאַרביטערונג־ענטשלוסן קומען גאָר נישט אַזוי דירעקט און מיט פולן באַוווסטזיין — מיט אַמאָל שטייט מען פאַרן אָפענעם תהום!

דער „שלח־מנות איש לרעהו" פון אונזערע שטאָטלעכע „עד־דלא־ידע"־זיגן, איז דאָך שוין באַשערט. שיפן מיט דייטשע סחורות קומען שוין אָן צו אונזער יידישן ברעג, געשווומענע אויף ימים יידיש בלוט און טרערן... אָבער וואָסערע אמתע יורדים, וואָסערע שלעפּערדיקע שנאָרערס וועלן מיר שוין זיין, ווען מיר וועלן זיך צוכאַפּן ווי צו אַ געבראָטנס, צו די „מתנות לאביונים"... צו די אַראָפּגעפאַלענע ברייזעלעך אונטערן טיש!

די מלאכים וואָס באַגלייטן אונז אין חוץ־לארץ, אַז זיי וועלן זען ווי אונזער בעט איז געבעט, ווי אונזער טיש איז געדעקט,—כדי קינדער צו געבן אַ שטיקל יידישע דערציאונג, כדי אַ שטיקל געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן אויפצוהאַלטן, מוזן מיר אָנקומען צום דייטשן מחיר־כלב־גראָשן; — דער מלאך רע וועט דאָך אונז פאַרשעלטן און דער גוטער מלאך וועט נאָכזאָגן: אמן.

וואָס פאַר אַ נידריקע יורדים וועלן מיר דעמאָלט זיין, דעם לעצטן ירושה־דרים צעריסן, דאָס לעצטע רענדל אָפּגעטווישט. קאָרופּציע־פקידים וועלן שוין זיין הייליקע קדושים קייגן אַזעלכע חוץ־לארץ קולטור־טרעגער.

דאָס ביסל, וואָס האָבן נאָך אַ שטיקל מענטשלעכע גייסטלעכע און גייסטיקע באַציאונג צו זיך וועלן צוריק ווערן די מאַנדראַשעס פונם מיטלאַלטער, די מה־יפית־טענצער פון די פּאַנעס — יהודים וואָס האָסן זיך אַליין אַ מעשה זיך אָנצוטון! אָ, ווען אַ פאָלק הייבט אָן זיך צו עקלען פאַר זיך...

יאָ, אויך יהודים זיינען דאָ צווייערליי פון אייגענער עגאָאיסטישער דערנידריגונג, אָבער אויך פון יידישער ירידה — מען אַנטלויפט פון זיך ווי פון אַ מגיפה!..

דעמאָלט אָבער, ווען דאָס לויפן איז שוין אין כאַאָטישער אומאָרדנונג (אויסגעליידיקט פון יעדער נביאישער וויזיע און קרעאַטור־דערבאַרמונג) דעמאָלט הערט שוין אויף יעדער סיסטעם—פאַר אַ צעטרעטענער קרעאַטור אונטער די אייגענע פיס עקזיסטירט שוין נישט צומאָל דער סיני־סיסטעם; מען איז אַ „יורד לחייו" אויף דער אייגענער עקזיסטענץ. מען צעשטערט זיך יחידיש כאַראַקטערלעך, סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך; מען פאַרשטעלט זיך דאָס אייגענע לייב און לעבן, אָן אַן „עד דלא ידע"; מען איז שוין דעמאָלט טויט־„שכור ולא מיין".

דעמאָלט איז שוין דער „יעמוד ליהודים", נאָך־האַלבער־נאַכט אין ליידיקע שולן.

## די טרופּע פונם גאָלדפאַדן-טעאַטער אין ישראל



דער צווייטער אויבן לינקס, לעאָן קאַסווינער; דער ערשטער פון רעכטס (זיצנדיק) מאַקס הילסבערג, מיטגרינדער פונם טעאַטער; אין מיטן פרוי פינסקי; ביי איר זייט, לינקס, דוד פינסקי

מאָריס ווינטשעווסקי — מוזיק חזן ברוך סמוס. — **דער לאָנדאָנער פאָג**




איך פרעג די זון, װאַרום זי לאָזט
דעם שװאַרצן נעפּל איר פאַרשטעלן;
װאַרום זי זאָל דעם װינט װאָס לאָזט,
אים צו פאַרטרייבן ניט באַפעלן?

זי ענטפערט מיר, איר איז דער „פאָג“
אַ ליבער פריינט, װאָס זי מוז אַכטן,
ער מאַכט אַז זי זאָל יעדן טאָג
ניט דאַרפן אונזער לאַנד באַטראַכטן.

איר האָט געמאַכט אייער פּלאַנעט,
זאָגט די זון, פאַר אַ גיהנום:

דער מענטש, ער װערגט און ראַבעװעט,
באַגנבעט דעם, באַגזלט יענעם.

ער אונטערדריקט זיין פלייש און בלוט,
די הענט, װאָס קאָרמענען אים, בייסט ער,
ער טרייבט און יאָגט און שלאָגט מיט װוּט,
און װיל זיין אומעטום אַ מייסטער.

איך דאַנק דערפאַר דעם שװאַרצן פאָג,
װען ער פאַרשפּאַרט מיר אָפט צו זען,
אין איין שטאָט, װייניקסטענס איין טאָג,
די זאַכן װאָס ביי אייך געשעען.



**קייטי בראַון**

## צוויי פּורים-מעשות

### 1. אַ ווייבערישער דיאַלאָג: יאָ פּורים, און נישט פּורים

באַגעגענען זיך הייַנטיקן ערב פּורים צוויי באַקאַנטע ווייבער אין גאַס. איינע פון זיי קומט פון „די לייַן“ מיט פּעק און פּעקלעך פון אַלדאָס גוטס. פון אַן אָפענעם קאָשעק זעט זיך אַרויס אַ פייַנער פּורים-קוילעטש, אָנגעשטאָפּט מיט ראָזשינקעס, מיט אַ סך צוקער באַשאָטן פון אויבן, אַ סך המן-טאַשן, פרישׂ געקאָכטע באָבעס, פייַנע פרוכטן, און עטלעכע גרעגערס, פאַר אירע יונגלעך, צו פאַרטויבן המנ׳ען ביים לייענען די מגילה.

די צווייטע קומט פון דער היים, און טראָגט אַן אַנדערן באַגאַזש . . . אָבער אירען קען מען נישט זען, ער איז פאַרבאָרגן ביי איר אין האַרצן . . .

רופט זיך אָפּ די ערשטע:

— ווי געפעלט אייך דער יקרות, וואָס הייַנט איז אויף הינער, פיש און פלייש?

— נישקשה, דער וואָס קען זיך דערלויבן אויסצוגעבן עטלעכע פונט, קאָסט נאָך אַ פּאָר שילינג לכבוד פּורים. איר דאַרפט זיך נישט נעמען צום האַרצן דערפון, איר וועט לעבן בלייבן מיט גאָטס הילף. איר האַלט דאָך מן הסתם פון פּורים, האַ? און איר פּראַוועט דאָך געוויס אַ פייַנע סעודה, אמת?

— און נאָך וואָס פאַר אַ סעודה, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, טאַטע זיסער אין הימל, אַלע קינדער מייַנע אַרום טיש, איך מיט מייַן אַלטן אויבן אָן, מיר פּראַוועון פּורים פּונקט ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים. איך זאָג אייך, אַז גאָט איז אַ גוטער, דערמיט וואָס ער האָט באַשאַפן אַ פּורים אויף דער וועלט. ס׳הייסט קריסטמעס איז אויך אַ פייַנער יום טוב, און פון אים האַלטן מיר אויך. אָבער פּורים איז בעסער, דאָך אַ שייַנער יידישער יום טוב, ווי אין דער היים ביי טאַטע-מאַמע . . . ווי זאָגט איר — ניט אַזוי?

— ס׳איז יאָ פּורים און נישט פּורים . . .

— פאַרוואָס נישט? איר זענט דען נישט קיין יידישע טאָכטער? וואָס-זשע איר האַלט נישט דערפון?

— נישט נאָר פון דעם, נאָר פון קיין אַנדערן אויך נישט.

— איר זענט אַ פרייַדענקערין, חלילה?

— זאָל גאָט היטן.

— טאָ פאַרוואָס-זשע האַלט איר נישט פון פּורים?

— איך האַלט יאָ, נאָר מייַנע קינדער האַלטן נישט.

— און איר דערלאָזט אַזאַ זאַך, אַזאַ הפקרות אין אייער שטוב? וואָס הייסט נישט האַלטן פון פּורים? ווער איז דער בעל הבית אין אייער הויז, נישט איר נאָר זיי, די שנעקעס? דאָס הייסט זיי פירן אייך ביי דער נאָז . . . און וואָס זאָגט אייער מאַן דערצו?

— ער האָט קיין דעה נישט ביי זיי.

— וואָס הייסט?

— ווייל זיי זיינען די פרנסה־געבער און דעה־זאָגער. איך און מיין מאַן מוזן זיי פאָלגן און טון ווי זיי ווילן, און אַז זיי זאָגן אַז פורים איז נישט קיין יום טוב, מוז עס אַזוי בלייבן...

— איך וואָלט זיי פון הויז פאַרטריבן, וואָלט איך זיי; אַזאַ חוצפה פון קינדער. דאָס, זאָלט איר מיר מוחל זיין, זענט איר אַליין שולדיק, איר האָט זיי אַזוי דערצויגן.

— אין לאָנדאָן דערציען די קינדער די עלטערן. איך האָב זיך באַמיט מיט אַלע מיינע כוחות זיי צו פירן אויף מיינע וועגן, אָבער עס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. אָט האָב איך למשל מיט צוויי יאָר צוריק אָנגעגרייט אַ פיינע סעודה, געדעקט אַ שיינעם טיש מיט אַלדאָס גוטס, פאַרבעטן עטלעכע פריינט, און געוואָלט די קינדער מיינע איבערצייגן, ווי שיין דער פורים איז, אַז מען האַלט פון אים. האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און אַנשטאָט אַ ביסל פרייד, האָב איך געהאַט צרות מיט יסורים. ווען עס איז געקומען דער אָוונט, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די פאַרבעטענע געסט מיינע. איך האָב אָנגעצונדן ליכט, עס איז געוואָרן אין שטוב וואַרעם און ליכטיק, ווי אין אַ גן־עדן. איך האָב געבעטן די קינדער זיך זעצן צום טיש, האָבן זיי זיך פון מיר אויסגעלאַכט. מיין טאָכטער האָט זיך אויסגעפוצט און אַוועק צו אַ דאַנס. דער עלטערער זון מיינער איז אַוועק זען אַ „פייט". די יונגערע מיידל איז אַוועק צו אַ חברטע זען דעם טעלעוויזשען.. און אפילו מיין קליינער מזיק, מיין דייוועלע, האָט זיך אויך נישט געוואָלט זעצן צום טיש. האָב איך זיך ביי אים גענומען בעטן: דייוועלע, טאַטעלע, בלייב דו כאָטש אין דער היים, פאַרשטער מיר נישט דעם פורים, זע איך האָב אָנגעגרייט פון אַלעם גוטן, זעץ זיך אַוועק און נעם עפעס אין מויל, עס איז מיר פשוט אַ חרפה פאַר די געסט. האָט זיך מיין דייוועלע פון מיר אויסגעלאַכט און געענטפערט:

„הו וואָנטס יור פורים? איך וויל נישט קיין באָבס מיט המן־טאַשן. איי דאָנט וואָנט אָל דעט מאַק, יו קען העוו איט". האָט ער אויסגעשריגן מיט חוזק און איז אַרויס פון שטוב.

מיר זיינען געבליבן זיצן מיט גרויס האַרצווייטאָק און שאַנדע. די פריינט האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם, און אַוועק אַהיים. די פורים־שפילער וועלכע זיינען שפעטער געקומען האָב איך אַוועקגעטריבן פון מיין טיר. אויף צומאָרגנס האָב איך אַלצדינג אַרויסגעוואָרפן, אַחוץ די קרעפלעך, וועלכע זיינען געווען זער געשמאַק אונזמי ר איז געווען אַ שאָד, האָב איך זיי אויפגעפרישט און געגעבן מיין אַלטן צו מיטאָג. ער האָט געגעסן אַ היבש ביסל און איך דאָס איבעריקע; דער סוף איז געווען אַז מיר זיינען ביידע קראַנק געוואָרן פון די נעכטיקע קרעפלעך. איך האָב זיך נאָך ווי עס איז אַרומגעשלעפט, אַ קראַנקע, אָבער ער נעבעך, מיין אַלטער, איז אָפגעלעגן אין בעט אַ וואָך צייט, אַ מאַן קען דאָך נישט פאַרטראָגן קיין בויך־ווייטיק... איז ער מיר דערגאַנגען די יאָרן... דערפאַר האָב איך באַשלאָסן פון היינט און ווייטער צו פאָלגן מיינע קינדער, און אַז זיי זאָגן ניין, איז ניין, ווייל יענעם פורים האָבן מיר געהאַט די אמתע המנ׳ס מפלה.





מיט עטלעכע טעג צוריק קומט מיין דייוועלע אַ פאַרסאָפעטער צו לויפן פון חדר, און בעט מיך, איך זאָל אים דאָס יאָר מאַכן אַ פורים־„פאַרטי".

„דער רבי האָט געזאָגט, אַז יעדער ייד מוז מאַכן אַ פורים־סעודה און פראַווען המנ׳ס מפלה".

זאָג איך: נאַרעלע, דאָס קענען נאָר טון די רייכע, זיי האָבן אַ סך געלט אויסצוגעבן, קענען זיי זיך דאָס דערלויבן, אָבער מיר, קבצנים, קענען זיך אַזאַ פאַרגעניגן נישט פאַרגינען; עס איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן, און איך האָב נישט קיין פעני ביי דער נשמה. דיין טאַטע, דער גרויסער פאַרדינער, האָט נישט פאַרדינט קיין וואַסער אויף קאַשע, טאָ פון וואַנען זאָל איך נעמען צו פראַווען אַ פורים?

רופט זיך אָפ מיין דייוועלע צו מיר:

„מאַם, איך האָב אָפגעשפאָרט אַ האַלבע קרוין פון מיין ספענדינג־מאַני, וועל איך זי דיר אַוועקגעבן. וועט זיין גענוג?"

איך האָב זיך צולאַכט, און איינגעזען אַז עס גייט אים פשוט אין לעבן, האָב איך אים צוגעזאָגט צו מאַכן די „פאַרטי", מיטן געדאַנק, אַז איך וועל נעמען אַלץ אויף באָרג. ער איז געווען גליקלעך, ווען איך האָב געזאָגט „יאָ".

ערב פורים בין איך אַוועק צו אַלע מיינע שאָפקיפערס, מיט וועלכע איך האַנדל אַ גאַנץ יאָר, און זיך ביי זיי קוים איינגעבעטן, מיר אויסצובאָרגן די עטלעכע זאַכן, ביז נאָך פורים. ביים גראָסער האָב איך געבאָרגט מעל אויף המן־טאַשן, ביים בוטשער אַ קאַטשקעלע אויף אויסצובראָטן, אין אַן אַנדער געוועלב באָבס מיט אַרבעס אויסצוזידן, ביי משה דעם „ברעמאַן" אַ ביסל פרוכט, און אַזוי ווייטער.

נאָך מיטאָג האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט, פאַרקאַטשעט די אַרבל, קודם־כל זיך גענומען צו די המן־טאַשן, אָנגעפילט די קאַטשקע, צוגעשטעלט די באָבעס מיט די אַרבעס, ווייל דאָס דאַרף זיך לאַנג קאָכן... און אויך נישט פאַרגעסן די פריטלעך, וועלכע זיינען מיר געלונגען.

מיין אַלטער האָט זיך, פון גרויס פאַרדרוס, אָפגעטראָגן פון שטוב. איך האָב אַלץ אַריינגערוקט אין גאַז־אויוון צום באַקן.

מיין אַלטן האָט, אפנים, גענומען חלשן דאָס האַרץ, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. דער ריח פון די געבעקס האָט אים שטאַרק אַ צופ געטון, און ער איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער...

אַלץ באַזאָרגט, זיינען מיר אַוועק אין שול, הערן די מגילה. איך האָב געבעטן מיין דייוועלען ער זאָל אויך מיטגיין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, ער האָט דווקא געוואָלט בלייבן אין דער היים, און אַכטונג געבן אויף די אַלע גוטע זאַכן אין אויוון; עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דער נייער גרעגער, וועלכן איך האָב אים געקויפט.

דאָס אַלץ האָט דייוועלע׳ס מאַמע דערציילט דער שכנה, וועלכע זי האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג אין שול אַריין און זי געפרעגט: ווו האָט איר דייווע־

לען, ער וואָלט געהאַט עפּעס צו טון אין שול, צו שלאָגן המנ'ען . . .

דייוועלע האָט אָבער געהאַט אַ סך אַ וויכטיקערע זאַך, ער האָט אין דער היים צוגעגרייט דאָס אמתע פּורים־שפּיל . . .

דייוועלע האָט זיך דערמאָנט, אַז דער רבי זיינער, אין חדר, האָט אים דער־ציילט וועגן אחשורוש־שפּיל, וואָס מען דאַרף שפּילן יעדן פּורים, האָט ער באַ־שלאָסן צו מאַכן זיין טאַטע־מאַמע אַן איבעררײַשונג. ער וועט אַריינרופן זיינע חברים און מען וועט צוזאַמענשטעלן דעם שפּיל, און אים פּראַוועז מאָרגן אָוונט ביי דער סעודה.

געזאָגט און געטון. ער איז אויף עטלעכע מינוטן אַרויס אין גאַס, אויפגע־זוכט זיינע בעסטע דריי חברים, און זיי דערקלערט דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם שפּיל . . . איינער וועט זיין מרדכי, איינער המן, דער דריטער אחשורוש, און ער אַליין וועט זיך פאַרשטעלן פאַר ויזתא. האָט אָבער יעדן פון דער חברה דווקא זיך געוואָלט שפּילן ויזתא, ווייל ווען דער „היברו־טיטשער" האָט אָנגעשייגעצט און אויסגעלאַכט אַ ייִנגל האָט ער אים גערופן „ויזתא". האָט מען זיך גענומען פייטן, און אויך די געבראָטענע קאַטשקע מיט די המן־טאַשן זיינען אַריין אינם געשלעג . . .

צעהרגעט די נעזער, צעריסן די העמדער אויף זיך, און איינגעשמירט די פּנימער ווי קוימען־קערערס. פון אַלץ איז געוואָרן אַ תל, אַן איבערקערעניש. האָבן זיך חברה געכאַפּט, אַז קיין גוטעס וועט דערפון נישט אַרויסקומען, זיינען זיי אַלע אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט דייוועלען אַליין, צו כאַפּן די מפּלה, ווען זיין מאַמע וועט קומען.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיינע עלטערן אָנגעקומען אַהיים, און כאָטש ער איז געשטאַנען האַרט נעבן דער טיר, האָבן זיי אים נישט דערקענט, אַזוי פאַר־ענדערט האָט ער אויסגעזען. זיי זיינען גלייך אַריין אין שטוב.

די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט, ווען זי האָט דערזען דעם חורבן: אַ מפּלה אויף מיינע שונאים, אַ פּורים האָט זיך מיין דייוועלען פאַרגלוסט.

דייוועלע האָט גענומען פּלאָנטערנדיק דערציילן עפּעס אַ ווילדע מעשה פון וועלכע מען האָט קוים אַרויסגעהערט דאָס וואָרט „ווייזאָסע ווייזאָסע" און באַ־וויינט זיין באַליבטן העלד מיט ביטערע טרערן.

האָט זיך די מאַמע נאָך העכער צעשריגן: וואָס פאַר אַ זאָסאָ, וואָס פאַר אַ ווי אויף מיינע שונאימס קעפּ.

דער אַלטער נעבעך האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. האָט ער דערלעבט אַ נקמה אין זיין ווייב און געשמייכלט אונטער דער נאָז. און דערזעענדיק נעבעך די געבראָטענע קאַטשקע, אַ צעטרעטענע אונטערן טיש, האָט ער זיך אַ האַרץ געמאַכט און אונטערברומענדיק „שושנת יעקב" זיך גענומען צום הערינג און ציבעלע, וואָס איז געבליבן אַ רעשט פון דער נעכטיקער וועטשערע.

דייוועלע, דערזעענדיק אַז די גאַנצע זאַך גייט גלאַט אָפּ, האָט ער זיך אַריינגערוקט אין בעט, שנעל איינגעשלאָפן און אַ גאַנצע נאַכט געחלומט ווי ער שפּילט ויזתא.



## שלח־מנות — אויסגעטיילט פון שמואל וװהייט

א. נ. שטענצל:
מורה מורינו רב שטענצל,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַן אייגענעם פאַרלאַג,
מיט דרוק־פּאַפּיר
גאָר אָן שיעור,
ער זאָל קענען
זיינע פּאָעמען
בהרחבה דרוקען,
כדי די לעזער
פון „לשון און לעבן"
זאָלן זיך מיט זיי
קענען קװיקען.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ נייעם אויסגעבויטן בנין,
מיט אַ טוץ ליינאָטייפּ מאַשינען,
מיט קאָרעספּאָנדענטן כאָטש אַ מנין
(מ'זאָל קענען אויף אַ לעבן פאַרדינען).
דערפאַר זאָל „די יידישע שטימע"
דערשיינען
כאָטש בלויז צװיי מאָל טעגלעך,
אַן אָוונט צייטונג אויך אונז געבן,
אויב מ'װיל איז אַלעס מעגלעך.
דערפאַר זאָל ער למען השם זעען,
אַז עס זאָל אַ נס געשעען,
ס'זאָל זיין אין זיי „װאָס צו לייענען".

שמואל װהייטן:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ פולן טעלער מיט גראַמען,
װי עס פּאַסט פאַר אַ דיכטער,
צאַרטע גראַמען, װאָס זאָלן אויך פלאַמען,
אַז אפילו ביי אַ פּורים כוסה
מוז ער אַלץ בלייבן ניכטער.
װיסן װען שמייסן און װען גלעטן,
און מיט קאַליריגע נואַנסן
מאָלן זיינע כאַראַקטער פּאָרטרעטן.

י. א. ליסקי:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ פיין געפלאָכטענעם פּורים־קוילעטש,
געבאַקן מיט זאַפרען צוקער און מאָן;
דערפאַר זאָל ער זען אויפװעקן
זיין שוין לאַנג פאַרשלאָפענעם האָן.

שלמה אויערבאַך:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ טוץ שיינע פרויען פאַרערער,
(ער זאָגט צװיי טוץ איז מערער)
װאָס זאָלן ביי זיינע רעפּעראַטן,
זיין באַגייסטערטע צוהערער.
און כדי אים צו אינספּירירן,
זאָלן זיי זיך צװישן'—
די רעפּעראַטן'—
מיט אים װאַרעם צעקושן.

י. ל. פיין:
מיין חשובן חבר י. ל. פיין
װעל איך מיט שלח־מנות מכבד זיין,
מיט די גאָר ערשטע אַרכיװען,
פון דעם מענטל מייקער פּאַראיין,
װו ער װעט פון זיי קענען אַרויסװעבן
דעם באָס מיט די װאַרשטאַט,
מיט דעם גאַנצן סװעטער לעבן.

הרב ר' יהושע שפּעטמאַן שליט"א:
בין איך מכבד מיט שלח מנות
אַן אויסגעהאַמערטע מנורה
מיט זיבן בצלאל רערן,
אויך אַ שופר מ'זאָל קענען
משיח שאַלן דערהערן,
אַז עס זאָל פון דער װעלט
אָפּװישן די מענטשן־טרערן;
כ'שענק אים אויך אַ מגילה,
ער זאָל זוכה זיין צו דערלעבן
אונזער פאָלקס גאולה.

יוסף הלל לעווי:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
פאַר זיינע תפילין רצועות,
אויך אַ װייסע גענזענע פעדער
מיט כשרע יריעות,
געמאַכט פון העכטענע לעדער,
ער זאָל מיט קדושה שרייבן
זיינע שטיל־פרומע געזאַנגען,
פול מיט בטחון און גלויבן.

למך השלישי:
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ ניי סענקעװאַטן שטעקן,
ער זאָל ניט"דאַרפן אונטערהינקן,
איך װיל פון שלאָף אים אויפװעקן,
אַז ער זאָל װידער שרייבן מיט אַ ברען,
עס זאָלן אַזש פליען פונקן;
איך װייס אַז מיין פריינד למך קען,
אפילו אויף דער גראָער זקנה
קען ער נאָך יוגנטלעך זיין!
מיר װעלן נאָך געניסן
פון דעם שטאַרקן זיסן
דערפרישענדען װיין.

מיסטער מינדעל:
מיין חשובן פריינט מיסטער מינדעל,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ גוט פּאָלירטן צימבל,
אויך אַ הונדערט נייע לידער
װעט ער פון די סטרונעס אַרויסװעבן
פאָלקסטימלעך זיסע מעלאָדיען
װאָס װעלן צעגיין אין די גלידער.
אמת, מיר האָבן זיין שפּילן
זער־זער גערן,
נאָר איך ראַט אים ער זאָל װיסן
װען אויפצוהערן.

**י. ל. ביטש:**
חבר יהודה לייב ביטש,
שלח־מנות אַ זאַפּטיקן „פּיטש״,
עס זאָל אים מער כוח געבן,
צו האַלטן אַ העכערן ספּיטש.
און פאַר זיין שאַפן—
חיל איך שטאַרק האָפן—
אַז עס הויבט זיך ערשט אָן:
די שילדערונג זיינע
האָבן אינהאַלט
און אַ פיינעם טאָן.

**חבר אייזיק גאָלדבערג:**
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
מיט אַלערליי פּרוכט מיט אַ פולע האַנט
פאַר זיין געפילפולן פאַרלעזן,
חאָס שפּרודעלט מיט טאַלאַנט.

**חבר נעט רובין:**
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ פיין געפילטן טאָרט,
פון דעם בעסטן סאָרט,
דערפאַר זאָל ער ביים רעציטירן
„אונז געבן
מער לעבן,
אין דעם יידישן חאָרט״.

**א. מ. קייזער:**
מיין חשובן חבר א. מ. קייזער,
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַן עסטייט מיט שפּאָגל־נייע הייזער.
איך קאָן אויך באַשטיין,
אַז עס זאָל דאָרט זיין,
אַ גאַנץ באַקוועמע היים
פאַרן זשורנאַליסטן פאַראיין,
חו מ׳זאָל קענען פראַחען באַנקעטן
פאַר ליטעראַטן און פּאָעטן,
מ׳זאָל אויך דאָרט האַלטן רעפעראַטן
פון מאָדערנע און אַלטע צייטן.
ס׳זאָל אויך זיין פיין געבעטע פּאָטעלן,
אַזוי חיל איך שטאַרק האָפן,
כדי מ׳זאָל קענען ביי די רעפעראַטן,
באַקוועם קענען איינשלאָפן.

**קייטי בראַון:**
בין איך מכבד מיט שלח־מנות,
אַ קיצלדיקן אַפּאַראַט,
כדי זי זאָל קענען מאַכן
גאַנץ חייטשעפל הילכיק לאַכן.

☆ ☆ ☆

## משה דאַמב

## שלום־משומד דער פּורים־שפּילער

ס׳האָבן געשמעקט די האָפן און מאַלצן פון ר׳ איטשע־מאירל׳ס ביר־ברויעריי. ברײנדעלע זיין ווייב האָט שוין אָוועקגעשטעלט די ערדענע טעפּ מיט שמאַלץ אויף פּסח. ס׳האָט זיך שוין געפילט אין דער שטוב עפּעס אַזאַ מין פאַרפרילינג שטימונג, אויך די לופט איז געוואָרן עטוואָס וואַרעמער. די גרויסע קופּעס שנייען אויף די פעלדער זיינען איינגעפאַלן, אין די פעלדישע ריוועס האָט מען באַמערקט קליינע שנירלעך וואַסערלעך פון צעלאָזטן שניי. ווו־ניט־ווו האָט מען געזען אויפן שניי שוואַרצע ערד־פלעקן.

דאָס געפרוירענע וואַסער ביי לייזערס מיל האָט אָנגעהויבן צו צעלאָזן זיך און אייז־קריעס זיינען אַרומגעשווימען איבערן וואַסער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווייסע גענז. שוואַרצע און גרויע קראָען זיינען געפלויגן איבער די שלאַנקע הויכע טאָפּאָלן און כסדר געקראַקעט און געטראָגן אין זייערע פּיסקלעך שוואַרצע צווייגלעך, צו בויען אַ נעסט אויף די נאַקעטע טאָפּאָלן, ווייל אָט־אָט איז פרילינג אַרום, און טאַקע אין די טעג קומט דער פּורים אין שטעטל אַריין.

מען זעט שוין ווי אידענעס טראָגן צום בעקער המן־טאַשן, מיט מאָן גרויסע שמאַלץ קוכענס, און אַנדערע פאַרשידענע קוכענס און קיכלעך, אייער חלות מיט פינף צעפּלעך געפלאָכטן, פלעצלעך מיט פייגל פאַרפלאָכטן. ביי אסתר וויטעס צוקערניע פענסטער זעט מען פאַרשידענע טאָרטן, לעקעכער, מאָן־קיכלעך, המן־טאַשן, צוקער־קיכלעך, אַלץ אויף צו שיקן שלח־מנותן. האָט דער



שטעטלדיקער שוחט טאַקע שוין אָוועקגעשיקט שלח־מנות צום שטעטלדיקן רב, אַ פּאָר מאַראַנצן מיט אַ שטיק טאָרט, אַוועקגעלייגט אויף אַ גלעזערנעם קלאָש צוגעדעקט מיט ווייס פּאַפּיר; און דער רב האָט דאָס באַקומענע שלח־מנות געשיקט צו איין בעל־הבית פון שטעטל; האָט דאָס דער בעל־הבית געשיקט די זעלבע שלח־מנות צו אַן אַנדערן בעל־הבית, ביז די זעלבע שלח־מנות איז צוריק אָנגעקומען צום זעלבען שטעטלדיקן שוחט.

ביי ר׳ איטשע מאירל דעם ברייער אין שטוב שמעקט שוין מיט קרעפּלעך געפילט מיט הינערנע לעבערלעך, דער טיש איז באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסן טישטוך, ס׳קומען זיך צוזאַמען שכנים צו הערן די מגילה. נעבן דעם בעל־קורא שטעלן זיך אַרום די קינדערלעך מיט די הילצערנע גרעגערס. ווען ס׳קומט צום וואָרט „ויבא המן״, הערט מען געשרייען, אַ געפּילדער און אַ געגרעגעריי, ס׳פאַרהילכט די שטוב. די דערוואַקסענע מוזן שווייגן, ס׳איז דאָך היינט עפּעס פּורים.

אין שטעטל איז אַ היימלעכקייט, אַ פרייד אויף די פּנימער פון אַלט און יונג. די קינדערלעך לויפן אַרום פון שטוב צו שטוב, פיל האָבן זיך איינגעשמירט די פּנימער מיט סאַזשע. די רייכערע קינדער האָבן שוין געקויפט מאַסקעס ביי יאַנקעלע לאַנגוואַלד אין געשעפט. אין יעדער שטוב זינגען זיי זייערע פּורים־לידלעך:

„אוי ווי, היינט אַ שמחה, אַ גדולה, מען עסט און טרינקט,
ווייל ס׳איז דאָך פּורים פּונקט,
היינט שיכור מאָרגן אויס...
גיטע אַ גראָשן און וואַרפט אונז אַרויס.
אוי ווי, היינט איז פּורים מאָרגן אויס,
גיטע צוויי גראָשן און וואַרפט אונז ווייטער אַרויס״...

אָבער די ריכטיקע דערוואַקסענע פּורים־שפּילער זיינען געקומען ערשט שפּעטער, נאָך מיטאָג. זיי זיינען געקומען פון שמאָלן באָד־געסל, ווו זיי וווינען אין אַ קעלער־שטוב.

די „קעלער־שטוב״, דאָס איז אַ מין פּריוואַט־הקדש, אויף „אייגענער האַנט״, פאַר קאַליקעס און פאַרקומענע פאַרשוינען. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי געלעבט פון קליינע גנבהלעך, פון כאַפּן פון פורן. דאָס זיינען געווען אויסגעוואַקסענע, נישט דערלערנטע לערן־ייִנגלעך א.אַ. צו זיי האָט זיך אויך צוגעטשעפּעט אברהמלע נופּאָקס טאָכטער, ראַצל, און דער משומד, שלום, וואָס די שיקסע, איבער וועלכע ער האָט זיך גע׳שמדאָט, האָט אים פאַרלאָזן.

אויב דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם אָנקומענדיקן פרילינג, מיט פּורים, איז פאַר זיי, פאַר דעם געזינדל פונם „קעלער־שטוב״, דער פּורים געווען דער האָפנונגס־טאָג פונם גאַנצן לאַנגען ווינטער. קודם איז שלח־מנות טראָגן געווען אַ האַלבע פּרנסה, אָבער דער עיקר איז ביי זיי געווען דאָס פּורים־שפּילן. דאָס שטעטל האָט מיט זיי אויפגעלעבט און זיי זיינען געווען די העלדן פונם טאָג. שלום משומד האָט ממש וועלטן איינגעריסן, אַז ס׳איז געקו־

מען דער פורים, וואָרים ווי אַ פאַרשטעלטן האָט דאָך אים קיינער נישט דערקענט, האָט ער זיך געפילט אַ באַפרייטער אין דעם טאָג. ער איז געווען איינער פון די פורים־שפּילער פון דער טרופּע. זיין קרענקלעכע אַוואַנטוריסטישקייט האָט זיך אויסגעלעבט.

און אָט דאָס־אָ זיינען די נעמען פון די שפּילער און זייערע ראָלן אינם אחשורוש־שפּיל: יונהלע גנב שפּילט די ראָלע פון אחשורוש. שלום משומד איז המן, מאָטעלע קעלבאַס טראָגטדי פּאַלק מיט די תליה, אברהמלע נאַפּאַק איז מרדכי צדיק, זיין טאָכטער, ראַצל, איז אסתר המלכה.

דאָס שטעטל עפענט פענסטער און טירן כדי נאָכצוקוקן די פורים פאַרשטעלטע, אַלע קינדערלעך פון שטעטל לויפן זיי נאָך מיט געפילדער און געשרייען: „העי העי, המן אַ רוח דיר... מרדכי צדיק רייט אויפן פערד, און דו המן הרשע ליגסט אין דער ערד”... די קינדער טראָגן טאַצן מיט גאָפּל לעפל, און קלאַפּן אין די טאַצן, און גרעגערן מיט די גרויסע גרעגערס, צוטאָפּענדיק מיט די פיסלעך פול מיט פרייד און געלעכטער נאָכלויפנדיק די פורים־שפּילער פון שטוב צו שטוב. אַזוי ווי די אַלע פורים־שפּילער האָבן נישט געקענט קיין יידישע לידער, האָבן זיי געזונגען פּוילישע, רוסישע לידלעך, צוקלאַפּנדיק מיט די קאָזאַצקע שטיוואַלעס צום טאַקט, און יעדעס מאָל „הוי הוי” געשריי פון אַלע פורים־שפּילער, און דווקא שלום משומד האָט יאָ געקענט עפּעס אַ יידיש לידל: „שיכור איז אַ גוי, טרינקן וויל ער, הוי הוי”...

מאַכט זיך אַזוי, ווען די פורים־שפּילער זיינען אַריינגעקומען צום גביר פון שטעטל, ר׳ איטשע מאירל דער ברייער, האָט דאָס ערשטע שלום משומד אָנגעהויבן טאַנצן און זינגען. פּלוצלינג פאַלט אים אַראָפּ די מאַסקע פון פּנים. ווען די קינדערלעך האָבן דאָס דערזען זיינען זיי הענדום־פּענדום צו אים צוגעלאָפן מיט די טאַצן און גאָפּל לעפל מעסערס און גרעגערס און געשריגן: „דו געמיינער משומד, דו אמתער המן , אַרויס פון ברייער׳ס שטוב, אַרויס שנעל”... מיט געפילדער און געשרייען האָבן זיי שלום משומד פאַריאָגט פון ר׳ איטשע מאירלס שטוב. שלום משומד איז שיכורערהייט אַנטלאָפן אָן דער מאַסקע צוריק צו דער באָד־גאַס דאָרט אין דעם קליינעם קעלער־שטיבל. די רעשט פון די פורים־שפּילער זיינען דערווייל אַוועקגעלאָפן מיט געזאַנג און פרייד, אַלע זיינען געווען פאַרשיכורט, די קינדער האָבן זיי באַגלייט מיט די קאַצן־מוזיק. די אסתר המלכה איז אויך געווען שיכור, איז איר אין מיטן מאַרק פון שטעטל נישט גוט געוואָרן און זי איז אַוועקגעפאַלן. אַזוי איז דאָס גאַנצע שטעטל זיך צוזאַמענגעלאָפן, קוקן וואָס ס׳איז געשען מיט ראַצלען אברהמלע נאַפּאַקס טאָכטער וואָס איז געהען אסתר המלכה.

עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. מען האָט קוים די אסתר המלכה אַהיימגעפירט אויך צום קעלער־שטיבל דאָרט אין באָד־געסל. די פורים נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, אַ קילע מיט אַ לייכט פאַר־פרילינג ווינטל. אין די יידישע פענסטער האָבן די שטובן געלויכטן און געפינקלט מיט יום־טובדיקייט, מיט אַ רעשדיקע פרייד און הויכע געזאַנגען. ס׳איז געווען פריילעך און לוסטיק.



יידן האָבן זיך היינט גוט אָנגעגעסן מיט קרעפּלעך, מיט שלח־מנותן, מיט אייער־חלות און פיש, און געטרונקען אַ גוטן לחיים, אַלץ צוליב דעם פריילעכן פורים.

צומאָרגנס, שושן־פורים, איז דער טאָג געווען אַ מידער, אַ צערייצטער, די זון האָט געשמייכלט מיט אַ וואַרעמען שטראַל און אָפּט שנעל פאַרשוווּנדן אונטער אַ שוואַרצן וואָלקן. אַזוי אויך זיינען געווען די מענטשן פון שטעטל, מידע פאַרבלאַסטע, אָפּט מיט אַ שטילן שמייכל אויף זייערע מידע פּנימער. ס׳איז נישט קיין ווונדער, אַז זיי האָבן זיך אַזוי געפרייט, געטאַנצט און געזונגען און אַ סך געטרונקען. די פאַרנאַכטן אין שטעטל זיינען געווען קילע, ס׳האָבן געשמעקט די דעמבענע קאָרעס ביי הענעך גאַרבער׳ס גאַרבעריי, ווייל מען האָט שוין געמאַכט זומערדיקע לעדער. מען האָט שוין געהערט דעם שטילן פאַרבענקטן טיק־טאַק פון לייזערס מיל, דאָרט האָבן די פרומע בעל־הבתישע יידן געגרייט זיך צו מאָלן מעל אויף מצה שמורה.

ס׳האָבן זיך פאַרגרעסערט פון שניי מיט וואַסער־קאַלוזשעס אין די רינשטאָקן. דאָס שטעטלדיקע טייכל איז פאַרגאָסן געוואָרן, נעבן ר׳ איטשע מאירלס ברויעריי. ס׳האָבן זיך שוין געהערט קוויטשערייען פון גרויסע פאַר־פרילינג ירידן. די ערד האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַפרייען פון די ווייסע קופּעס שניי.

אין די פאַרנאַכטן האָבן קינדער זיך געשפּילט אין קנעפּ, נעבן די שטעטלדיקע פאַרקאַנעס. פון שמעון בעקערס בעקעריי האָט מען שוין געהערט דעם טרויעריקן עכאָ פון גרילן, וועלכע האָבן יעדן פאַרנאַכט כסדר געגרילט ערגעץ פון וואַרעמען פּיעקעליק אָדער אָפּגעקילטן אויוון. פון העט, העט ווייט האָט מען געהערט דעם שטילן קוואַקן פון זשאַבעס. באָטשאַנעס זיינען שוין געפלויגן הויך איבער די הימלען. דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פון פרילינג, און אַ גרוס פון פאַר־פסח אין שטעטל.

א. נ. שטענצל

## מחיית עמלק

ווען מיין טאַטע האָט אַ פרישע פעדער געוואָלט אויספּרוּוון,
דאָס וואָרט עמלק אָבער־און־ווידער געמעקט געשריבן;
גאָר לאַנג האָט ער געקליבן, וואָס מערער אויסצופּרובירן,
ביז ער איז דאָך צום סוף, ביי איין גוטער פעדער געבליבן.

„אַ פיין פעדערל, לייכט און גרינג, יעדעס וואָרט אַ מצוהלע”,
האָט ער אָנגעקוואָלן און פון דער פען נחת געקליבן.

ווען מיין טאַטע האָט זיך אָנגעטון אַ פּאָר נייע שטיוול,
האָט ער מיט קרייד אויף די זוילן „עמלק” אויפגעשריבן;
די מצוה פון מחיית עמלק מקיים צו זיין,
געטרעטן אַזוי לאַנג ביז דאָס וואָרט געוואָרן איז צעריבן —

זיין שטאָלצער גאַנג דעמאָלט, אַ גענעראַל האָט ער אויסגעזען,
אָקאָרשט דעם שונא׳ס חיילות נצחונדיק פאַרטריבן.

און ערשט אַז פּורים איז געקומען, אויפֿן המן־קלאַפּער
ביז עמלקן גאַנצער המן־יחוס אויפֿגעשריבן!
ביי יעדן קלאַפּ ס׳האָט דער טאַטע צו מיר אַריבערגעקוקט,
ווי געווינקען ער וואָלט פֿון דער מגילה אַרויס: גיב׳ן!

ביים דערמאָנען המנ׳ס נאָמען געשטורעמט מ׳האָט די שול,
ביז פֿון עמלק׳ס זרע ס׳איז קיין זכר נישט געבליבן.

אַז וואָס איז שוין המן הרשע און וואָס שוין עמלק,
און אַלע גזירות וואָס אין דער מגילה פֿאַרשריבן,
אַנטקייגן וואָס געשען אין אונזערע טעג בזמן הזה?
ברויט־אין־אויוון־אַריין לעבעדיקע מענטשן צו שיבן — —
— — — — — — — — — — —

פּרווונדיק נייע פּעדערס, אויסמעקנדיק דאָס וואָרט היטלער,
איך האָב נאָך אַלץ קיין איינע קיין גוטע מיר צוגעקליבן.

## אַ היטלער־מאַסקע

היי־יאָר אַז זיי וועלן מיין מאַסקע דערזען,
ווי מוראדיק זיי וועלן זיך דאָס דערשרעקן;
די הענט און די פּיס אָפּגענומען ווערן,
לעכער זיך זוכנדיק ווו זיך צו פֿאַרשטעקן.

אַ „מלינה“, אַ שטאַל, אַ בוידעם, אַ קעלער,
מיט ווייב און קינדער ווו זיך צו פֿאַרקלייבן;
מיין משונהדיקע מאַסקע דערזעענדיק,
די אייגענע אויגן זיי וועלן נישט גלייבן.

בלייך־אויסגעניכטערטע, טויט־דערשראָקענע,
די רויט־באַשנאָשקעטע, פֿאַרשכורטע נעזער;
אַ דיבוק דורך די שויבן איינגעבראָכן —
דער געבראַזג פֿון די צעבראָכענע וויין־גלעזער!

טאָרקוואָמאַדאַ, חמ״ל, המן, עמלק?
אַזאַ מיאוסע משונה מאַסקע פֿון וועמען?
די אויגן־לעכער ברענען צוויי גלאָוונעס,
דער רויך פֿון קרעמאַטאָריום־קוימען — די ברעמען!

דער בייזער גרימצאָרן פֿון די נאָז־לעכער —
פֿלאַקערדיקע פֿלאַמען וואָס בראָטן און ברענען;
די גרימאַסן שניידן זיך, מעסערס, שאַרפֿע,
מ׳מוז שפּירן דעם שניט צוערשט — אים צו דערקענען!



היי־יאָר אַז זיי וועלן מיין מאַסקע דערזען,
ס׳וועט פֿאַרגיין זייער פּורים געלעכטער;
נישט קיין פּאַפּירענע מאַסקע וועט עס זיין,
אַ פּרצוף־פּנים — אַ רוצח אַן עכטער:

מיט סמאַליעדיקער שייטער־הויפֿן סאַזשע,
די סמאָלע־שוואַרצע ברעמען געדיכט געצויגן,
און די פּעטלע האָר, וואָס ביי יעדן ריטש
פֿאַלט כסדר רציחיש איבער די אויגן.

פֿון שוואַרצע חזיר־האָר — בערשטלדיקע וואָנס,
איבער דער אויבערשטער ליפּ, צו גראָב־פֿאַרגרעבטע,
אונטער דער נאָז, די וורנאָניש־פֿאַרשנאָפּלטע,
מיט בלוט, שוואַרץ פֿאַרגליווערטן, אַ צוגעקלעפּטע.

און דער אָפֿענער פּיסק, דער צעשריגענער,
אַ מאַסן־קבר לעבעדיק צו באַגראָבן;
איבער אַ צעראָיעטער קופּע פּגרים,
אַ מחנה פֿלאַטערדיק קראַקעדיקע ראָבן.

און נישט מיט מיין קול — פֿון ווילד־רציחישן,
פֿון אויסגעכראַקעטן „יודא פֿאַררעקע!“
איינגעפֿאַלענע הערצער פֿאַלן אַריין,
שטיקלעך „אָפּמאַך־געלד“ אין אַ מיניסטער־טעקע —

אַז אַ פֿאָלק דערגרייכט אַן „עד דלא ידע“
מיליאָנען לעבנס אויף קליין־געלד צו פֿאַרקלינגען!
אָ, „ווען דאָס יודן־בלוט פֿון מעסער־שפּיץ שפּריצט“,
זינג איך עס, הער איך גרויליק „האָרסט וועסל“ זינגען?

דאָס גאָלדן ציגעלע, אויף טויט דערוואָרגן,
מיט זילבער שנירל פֿון קלינגענדיק גלעקעלע,
האָט עס זיך געלייגט, אַ שטילינק לעמעלע,
אויפֿצושטיין ווי אַ לייב, אין האַנט אַ העקעלע?

עס צעבייסן זיך טרוקן מיינע ליפּן,
מיט מיין אייגענעם, מיין בלוט מיך צו דערשטיקן;
און יעדעס וואָרט, אַ צעכאָרכעלטס אין מיין האַלדז,
האַלט מיך מיט צוויי הענט ביים גאָרגל — צו דערשטיקן —
— — — — — — — — — — —

נישט קיין פּורים־ליד וועט פֿון מיין מויל קומען —
פֿון מיינע אויגן וועלן זיך גיסן טרערן!

היי־יאָר מיין מאַסקע כ'וועל אין שפּיגל דערזען,
הענט און פיס וועלן מיר אָפּגענומען ווערן —

די אַש־גרויע פאַלטן, די זשאַווער־קנייטשן,
נישט פאַרבן, נישט ריסן אין געפּרעסטן טאָוול —
דער אַש־שטויב, פון די זעקס מיליאָן קדושים,
שיט זיך איבער קאָפּ און פּנים פון אַן אבל.

---

י. ל. פיין

## „די באַארד" און דער יידישער וועלט קאָנגרעס

(איך האָב געזינדיקט און איך ווער אַ בעל תשובה)

צוויי רעדעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט קאָנגרעס וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן פאַריקע וואָך, האָבן געמאַכט אַ רושם. איינע איז אַ רעדע ביי דר. נחום גאָלדמאַן, די צווייטע—ביי מר. ע. א. פּאָדאָלסקי. די ווירקונג פון דר. גאָלדמאַנס רעדע וועט מען אפשר זען אין דער נאָענטער צוקונפט, אָבער די ווירקונג פון פּאָדאָלסקיאָס רעדע האָב איך, פּערזענלעך, באַלד אויפן שטעל דערפילט. זיין רעדע האָט מיר געמאַכט פאַר אַ בעל־תשובה, און איך וועל געדענקען דעם „חטא שחטאתי"—די זינד וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן מיין אייגנעם געוויסן און אויך קעגן אַנדערע.

אַזוי ווי דר. גאָלמאַנס רעדע האָט באַרירט אַן ענין וואָס איז פון גרויס וויכטיקייט פאַר אַלע יידן פון ענגלאַנד, וועל איך פריער געבן אַן איבערבליק איבער אָט דעם ענין, און פּאָדאָלסקיס רעדע וועל איך לאָזן צום לעצט.

עס איז אַן אָפענער סוד אַז צווישן די באָארד אָון דעפּיוטיס און דעם יידישן וועלט קאָנגרעס עקזיסטירט אפילו קיין פּלאַטאָנישע ליבע אויך נישט. זינט דער יידישער וועלט קאָנגרעס האָט זיך געגרינדעט מיט גענויע אַכצן יאָר צוריק, האָבן געוויסע עלעמענטן פון די „באָארד", איבערהויפּט די „יאַהודימשע" עלעמענטן, געקוקט אויפן קאָנגרעס מיט נישט קיין פריינטלעכע אויגן. די „באָארד", וויסענדיק די מיסיע פון יידישן וועלט קאָנגרעס, האָט באַטראַכט דעם קאָנגרעס, איבערהויפּט די בריטישע סעקציע פון קאָנגרעס, אַלס אַ פּאָטענציעלן קאָנקורענט צו די באָארד. און וואָס גרעסער דער קאָנגרעס איז געוואקסען, און וואָס ברייטער דער איינפלוס פון קאָנגרעס האָט זיך צעשפּרייט צווישן די יידישע מאַסן, אַלץ שאַרפער איז געוואָרן די קנאה מצד די „באָארד" צום קאָנגרעס.

ווער רעדט נאָך ווען דער יידישער וועלט קאָנגרעס האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבוד'יקן פּלאַץ אויף די „יונייטעד ניישיאָנס", און איז אַנערקענט געוואָרן ביי די רעגירונגען פון דער וועלט אַלס אַ וויכטיקער אידישער אָרגאַן, איז די אייפערזיכט פון די „אַנטי־קאָנגרעסיסטן" אין די „באָארד" נאָך שטאַרקער



געוואָרן. די וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון די „באָארד" און פון קאָנגרעס פאַר די לעצטע זיבצן יאָר וועלן צוגעבן אַז זינט דער יידישער וועלט קאָנגרעס איז אַנטשטאַנען, איז די „באָארד" פיל דעמאָקראַטישער געוואָרן. דער פאַקט וואָס די „באָארד" האָט אין 1949 אַזוי געענדערט איר קאָנסטיטוציע אַז נישט נאָר שולן און פרענדלי סאָסייטיס, נאָר אויך יידישע טרייד יוניאָנס און ענלעכע קערפּערשאַפטן זאָלן קענען באַלאַנגען צו די „באָארד", איז עס פיל צו פאַרדאַנקען דעם איינפלוס וואָס די בריטישע סעקציע פון קאָנגרעס האָט אָנגעהויבן אויסצעאיבן צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס מאַסן דאָ אין לאַנד.

---

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן זיך שוין געפונען אין די „באָארד" אַ צאָל מיטגלידער וועלכע זיינען צו גלייכער צייט אויך געווען לייטנדע מיט־גלידער פון דער בריטישער סעקציע פון קאָנגרעס. אָט די מענטשן האָבן, נאַטירלעך, געמאַכט ערנסטע פאַרזוכן צו שאַפן אַ בעסערע איינפאַרשטענדניש צווישן די „באָארד" און די בריטישע סעקציע, אָבער טראָץ דעם, און אויך אפילו נישט אַכטנדיק אויפן פאַקט וואָס דער פּרעזידענט פון די „באָארד" איז אויך געוואָרן אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער בריטישער סעקציע, זיינען דאָך געבליבן אַ גרופּע עקשנים, און עטלעכע טשינאָווניקעס אין די „באָארד", וועלכע האָבן נישט אויפגעגעבן זייער קעגנערשאַפט.

כאָטש פון צייט צו צייט פלעגן פאַרטרעטער פון די „באָארד" מוזן זיצן ביי איין טיש פון די „יונייטעד ניישיאָנס" קאָמיטעס צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון קאָנגרעס, איז דאָך די באַציאונג צווישן די צוויי צדדים נישט פריינטלעכער געוואָרן. נאַטירלעך, אין דער עפנטלעכקייט האָבן ביידע צדדים געמוזט ווייזן אַ סאָרט דיפּלאָמאַטישע העפלעכקייט איינער צום צווייטן, אָבער אינערלעך האָבן די „מאָלאָטאָווס" פון די באָארד ליב געהאַט דעם קאָנגרעס ווי אַ ביין אין האַלדז.

---

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. כאָטש פון צייט צו צייט פלעגן אַ שפּריץ טאָן פונקען אויף די זיצונגען פון דער „באָארד" צווישן די פּראָ־און אַנטי־קאָנגרעסיסטן, איז אָבער קיין ערנסטער עפנטלעכער אויסברוך נישט פאָרגעקומען. אָבער מיט דריי וואָכן צוריק האָט די בריטישע סעקציע געקראָגן צו וויסן אַז די געוויסע יידישע פירער אין אונגאַרן, וועלכע זיינען אונטער אַרעסט, שטייען אין גרויס געפאַר פאַרמשפּט צו ווערן אונטער דער געווינטלעכער מעטאָדע פון „אייזערנעם פאָרהאַנג". אויפן ראַט פון דער וועלט עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס, האָט די בריטישע סעקציע זיך געווענדעט צו געוויסע אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן אין לאָנדאָן און אין די פּראָווינצן, אַז זיי זאָלן אַריינשיקן פּראָטעסט רעזאָלוציעס דורך בריוו אָדער טעלעגראַמען, צום אונגאַרישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן וועגן די אַרעסטירטע יידן אין אונגאַרן.

אַזוי גיך ווי די „באָארד" האָט זיך דערוויסט דערפון, איז געוואָרן אַ „ויצעקו", אַ ליאַרם אין די „באָארד": סטייטש, ווי וואַגט די בריטישע סעקציע זיך ווענדן צו יידישע קערפּערשאַפטן אין ענגלאַנד זיך נישט אָנפרעגנדיק ביי די „באָארד"? מיט וועלכע רעכט גייט די בריטישע סעקציע משיג־גבול זיין די „באָארד" וואָס איז פאַר העכער 150 יאָר די איינציקע אָפיציעלע פאַרטרעטערין פון יידן אין ענגלאַנד? דער שטורם האָט ענדלעך אויסגעבראָכן. דער קאָנגרעס איז זאָגאַר עפנטלעך באַשולדיקט געוואָרן אין „וועלן שלאָגן קאַפּיטאַל פון יידישע ליידן". די אָנגעזאַמלטע ביטערקייט פון ביידע צדדים איז אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט, און דאָס האָט שוין אפילו דער קאַלטער דיפּלאָמאַט נחום גאָלדמאַן נישט געקענט אַראָפּשלינגען. ער איז געקומען צופליען פון פאַריז נאָך לאָנדאָן, בלויז פאַר אַ פּאָר שטונדן, כדי צו קענען עפנטלעך ענטפערן די „באָארד" פון די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ טריבונע, וווּ די פּרעסע און די בי.בי.סי. איז אָנוועזנד געווען.

זיין גאַנצע רעדע, וואָס האָט געדויערט אַ שטונדע, איז געווען געריכטעט צו די רייבונגען צווישן די „באָארד" אפן קאָנגרעס. ער האָט זיך איבערהויפּט אָפּגעשטעלט אויף די נישט ווירדיקע האַנדלונגען פון דער אַנגלאָ־דזשוּאיש אַסאָסיאיישאָן קעגן קאָנגרעס. ער האָט אַפּעלירט פאַר אַן איינפאַרשטענדניש צווישן די צוויי גרויסע קערפּערשאַפטן—די „באָארד" און קאָנגרעס. אויף זיין אייגנאַרטיקן, מייסטערהאַפטן שטייגער, האָט נחום גאָלדמאַן אָנגעוויזן אַז די מעטאָדן פון „שתדלנות" פאַר יידן וואָס די „באָארד" האָט באַנוצט אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט, זיינען היינט נישט מער גילטיק, און אַז די פאַר־איייניגונג פון יידישן פאָלק צו באַשיצן זייערע אינטערעסן איבער דער וועלט דאַרף שטיין העכער פון פּערזענלעכע אַמביציעס און איפּערזיכט פאַר כבודים. זיין רעדע האָט אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אויפן עולם, און ס'איז צו האָפן אַז אפשר, אפשר, וועלן אָט די צוויי וויכטיקע יידישע קערפּערשאַפטן געפינען אַן אויסוועג ווי צו אַרבעטן צוזאַמען. . . .

---

שפּעטער, שוין כמעט ביים שלוס פון קאָנפערענץ, איז פאָרגעקומען נאָך אַ רעדע פון דעם גוט באַקאַנטן ע. וו. פּאָדאָלסקי, דער פיהרער פון דער „איווא" אין ענגלאַנד. זיין דראַמאַטישע רעדע איז פאָרגעקומען אין דער דעבאַטע איבערן באַריכט פון דער קולטור־קאָמיסיע וואָס דר. שטיינבערג האָט צוגעשטעלט צום קאָנפערענץ אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע פון דער בריטישער סעקציע. אַלע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין ענגליש. דר. באַרו, אַלס פאָרזיצער פון דער באַטרעפנדער סעסיע, האָט געעפנט די זיצונג אין ענגליש. דר. שטיינבערג האָט איבערגעגעבן זיין באַריכט אויך אין ענגליש, און איך בין באַשטימט געוואָרן אונטערצושטיצן דעם באַריכט.

ווייסנדיק אַז איך קען נעמען נאָר עטלעכע מינוט פאַר מיין רעדע, און וועלנדיק ציטירן פון ט. ס. עליאָטס בוך זיין דעפיניציע פון דעם וואָרט „קולטור", האָט איך געהאַט צוגעגרייט מיינע פאַר נאָטיצן אויך אין ענגליש.



איך האָב עס געטאָן דערפאַר ווייל איך האָב געדענקט, אַז אויב איך וועל ריידן אין ענגליש, און ציטירן עליאָט אין ענגליש, וועל איך עס ווידער דאַרפן פאַרטייטשן אויף יידיש, און דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל צייט. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן, אויף צו ריידן אין ענגליש. אָבער ווען די לאַנגע קולטור דעבאַטע (אין ענגליש) האָט זיך געענדיקט, האָט ה' פּאָדאָלסקי געבעטן אַ וואָרט.

אין אַ שיינעם האַרציקן יידיש האָט ער דערקלערט אַז ער איז נישט אויסן זיך צו באַטייליקן אין דער דעבאַטע, נאָר ער וויל אויסדריקן אין נאָמען פון דער „איוואָ" זיין שטאַרקן פּראָטעסט קעגן דעם וואָס קיין וואָרט וועגן דער יידישער שפּראַך איז אין קולטור באַריכט נישט דערמאָנט געוואָרן. אויף אַ ווירדיקן אופן האָט ה' פּאָדאָלסקי אויך אויסגעדריקט זיין שטאַרקן פאַרדרוס קעגן דעם וואָס קיין וואָרט יידיש איז באַנוצט געוואָרן פון קיין רעדנער דורך דער גאַנצער צייט פון קאָנפערענץ, און מיט די עטלעכע ווערטער האָט ער פאַרלאָזט די טריבונע.

איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ ווירקונג פּאָדאָלסקיס עטלעכע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אַנדערע דעלעגאַטן. איך קען נאָר זאָגן אַז איך, פּערזענלעך, האָב זיך געפילט זייער טיף געטראָפן. איך, דער יידישיסט, וועלכער האָט אָפטמאָל קריטיקירט אַנדערע פאַרן זיך שעמען מיט יידיש, האָב יעצט אַליין באַגאַנגען די זעלבע עבירה... איך האָב זיך געפילט אין דער זעלבער ערנסטער פאַרלעגנקייט וואָס אַ פּאָליציאַנט מוז זיך פילן ווען מען כאַפּט אים ביי אַ גנבה, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. איך האָב מיין באַדויערנסווירדיקן פעלער שוין נישט געקאָנט גוט מאַכן. . . . איך קען נאָר יעצט עפנטלעך זאָגן—„חטאתי", איך האָב געזינדיקט, און איך קען נאָר דאַנקען ה' פּאָדאָלסקי פאַר זיין מוט, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט אין מאַכן זיין עפנטלעכן פּראָ־טעסט. איך, יעדנפאַלס, וועל עס גוט געדענקען. . . .

---

## האננא קאווא

## אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל

אין דעם צענטער פון אויספלוגן, וועלכע באַלעבן מיט זייער רויש דעם גאַנצן דרום פון פראַנקרייך, געפינט זיך דאָס קליינע מאַלעריש געלעגן שטעטל וואַנס.

דער וועג אַהין פירט דורך די גראַנדיעזע גאָרזש די לו. מען זעט די שטייגנדע ווי טרעפּן מיט בליענדע בלומען וועלכע זיינען באַשטימט פאַר די וועלט־באַקאַנטע פאַרפיום־פאַבריק אין גראַס.

אויף דעם הויפּט פּלאַץ פון וואַנס שטעלן זיך אָפּ די צאָלרייכע אויטאָ־קאַרן און שיטן אַרויס גרופּן פון פריילעכע טוריסטן פון פאַרשידענע לענדער.

בשעת די אויספלוגער פאָלגן דעם מאָנאָטאָנעם קול פון זייערע פירער, וועלכע דערקלערן זיי די באַדייטונג פון יעדן ווינקל, הויבט שוין אָן מיין געדאַנק צו וואַנדערן אַרום דעם מיסטעריעזן בערגל, ווו עס געפינט זיך איינגעהילט אין שטילקייט די ווילע פון דעם צויבערער שאַגאַל.

אַט דאָרט, אָפּגעריסן פון אַלטעגליכן לעבן, האָט ער געפונען די נויטיקע איינזאַמקייט אויסצודריקן די ערינערונגען פון זיינע קינדעריאָרן.

אַוועק פון די טוריסטן־געזעלשאַפט, פול מיט די פייערלעכע ערוואַרטונג פון די באַגעגענונג, הויב איך אָן צו שטייגן אויף דעם זאַמדיקן וועג אַרויף.

רעכטס און לינקס באַגריסן מיך די שלאַנקע ציפּרוסן און פּאַלמען. בלומען אַליינשטייענדיק, יעדער באַזונדער. עס דאַכט זיך געזייט צופעליק דורך דעם ווינט.

דער דיקער זאַמד פון די גאָרטן־סטעשקעס גרילט אונטער די טריט. ענדלעך דערשיינט פאַר מיינע אויגן דער ברייט־געעפנטער אַריינגאַנג . . . פרידן און שטילקייט. . . .

איך שטעל זיך אָפּ.

פלוצים ווערט מיין האַרץ צוזאַמענגעדריקט פון בענקשאַפט. צווישן די ציפּרוסן און פּאַלמעס וואַקסן אַרויס וויזיאָנען. סאָסנעס, ווערבעס, טאָפּאָלעס . . . אונענדלעכע פעלכן פון פוילן . . . די וויטע ווילדע סטעפּעס פון אוקראַינע . . .

אַ בעל־עגלה ציט זיין אָרעמקייט, זיין דלות, מיט אַן אויסגעדאַרטע קליאַטשע. . . . די וויזיע ווערט איינגעזונקען אין אַ קאַסקאַדע פון פלאַמען וווּ עס פאַרשווינדען היימען. . . . מען לויפט זוכן אויף פרעמדע וועגן, פאַריינזאַמט און פאַריאָגט. . . .

האָב איך דאָס רעכט ווייטער צו גיין? איז דאָס נישט זיך איינברעכן אין אימיצנס סאַנקטואַריום?

איך וואַג נישט זיך צו דערנענטערן. איך וואַג אָבער אויך נישט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ חלום, וועלכער קען זיך איצט פאַרווירקלעכן.

ערמוטיקט דורך אַן איינלאַדונגס צופאַר פון דער פרוי שאַגאַל, הויב איך ווידער אָן צו גיין מיט שטילע טריט.

די ווייסע ווילע אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר.

פון אָפענע פענסטער הערט זיך אַ קלינגנדיקער געלעכטער: דאָס איז די שטימע פון דער באַ'חנ'טער פרוי פון מייסטער.

אַ מורמלען פון צערטלעכע ווערטער לאָזט זיך הערן: דאָס איז ער. שאַגאַל רעדט צו זיינע קעץ.

איך גיי אַריין.

* * *

מיט שאַגאַלן מאַכט מען נישט קיין אינטערוויו.

מען דאַרף נאָר אים צו הערן און אים זען. קיין שום פראַגן וועגן קונסט, וועגן סטיל, וועגן פאָרם. . . . אַבי נישט צו שטערן דעם גאַנג פון זיין געדאַנק, אים נישט צו פאַרלירן איין טאָן פון זיין ריידן.

שאַגאַל איז טרויעריק. די ארבעט פון זיין גאַנץ לעבן האָט אים נישט געגעבן די צופרידנקייט פון אַ דערפילטע אויפגאַבע, אין דעם נאָכפאָרשן פאַר דעם פאָרם, דעם אויסדרוק, קען ער נישט גלויבן אַז ער האָט דערגרייכט די דערפילונג פון זיין קינסטלערישער מיסיע. זיין וויזיע, זיינע טרוימען פאַר־



לאַנגען נאָך נייע ווערק, נאָך מער פאַרשטענדלעכע, נאָך מער איבערציינגנדע.

מאַרק שאַגאַל, דער מייסטער פון פאַרב, מאַכט מיך אויפמערקזאַם אויף אַ גרויסן בלומענוואַזע מיט גלאַדיאָלן. ער צערטלט מיט זיינע פיינע הענט די דורכזיכטיקע בלעטער, און באַדויערט: „וואָס פאַר וווּנדערבאַרע פאַרבן! ווי אַזוי דאָס איבערגעבן?"

און ער זאָגט ווייטער: „מען מוז אַרבעטן!"

אין דעם אַנדערן זייט פון סאַלאָן, ווי אַ רויטער פאָנטאַן, דערשיינט אַ גרויסער בוקעט פון פלאַמנדיקע רויזן. די בלומען זיינען שאַרלעך־רויט, כמעט שוואַרץ. זיי האַלטן שוין ביים וועלקן. זיי געזעגנען זיך מיט זייער געוועזענעם ספּלענדאָר. יעדע רויז, האַלט נאָך שטייף איר קאָפּ אין ווי צוזאַמענגעדריקטע פויסטן, שטרעבט יעדע צו ראַטעווען איר איינציקן אוצר: דעם אַראָמאַט וועלכער איז אינווייניק געבליבן. דער הערבישער קאַמף פון די וועלקנדע שיינקייט דערפילט די אַטמאָספערע.

„זעט, מאַדאַם, ווי שיין זיינען די בלומען! ווער איז אימשטאַנד אַזאַ פאָלקאָמענקייט פאַרצושטעלן?"

שאַגאַל נעמט אַרום די בלומען מיט אַ בליק פון באַוווּנדערונג, און, ווי אַ כישוף־מאַכער, צייכנט ער מיט זיין האַנט אין דער לופט אַ רונדע באַוועגונג און זאָגט ווי צו זיך אַליין:

„יאָ, מען מוז אַרבעטן! מען מוז נאָך אָנהויבן מיט גרעסערע אָנשטרענגונגען."

די שטילקייט ברייט אויס אירע פליגלען.

„אַלע אונזערע זיינען נישט דאָ מער. . . . עס איז גאָרנישט פאַרבליבן פון דער פאַרגאַנגענקייט . . . די האַרציקע קליינע יידישע שטעטעלעך עקזיסטירן נישט מער. . . . און אונזער פאָלק. . . ."

מיר דערמאָנען זיך ביידע וועגן חנה קאָוואַלסקאַ, דעם רב'ס טאָכטער, די גרויסע מאָלערין.

„זי איז געווען די ריכטיקע יידישע טאָכטער, אַ אמתע פריינדין. ווי שיין איז געווען אַלעס וואָס זי האָט געשריבן וועגן מיר, און ווי ערמוטיקנד!"

אין די אויגן פון דעם טרוימער באַווייזן זיך טרערן. . . .

* * *

„מאַדאַם, איר קומט פון פאַריז?" הויבט ער אָן נאָך אַ ווייַלע. „איך ליב אַזוי פאַריז! איך דאַרף האָבן די פאַריזער לופט. אָבער דאָ האָב איך מנוחה, מיין אַטעליע, מיין הויז. . . . און מען מוז דאָך אַרבעטן!"

הונדערטער בילדער צעשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט, דאָס פאַרגעסט ער. . . . דערפון גיט ער זיך נישט קיין רעכנונג. פאַר אים שטייט נאָר דער דראַנג אויף צו געפינען פאָרמען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זיינע טרוימען. פאָרמען שטייען פאַר אים נייע, בעסערע, נאָך ביז איצט אומבאַקאַנטע.

אַזוי וועבט שאַגאַל זיינע פאַנטאַזיעפולע טרוימען אויף דעם וועבשטול פון זיין גרענעצלאָזער בענקשאַפט.

## יוסף הלל לעווי

# מלך ראַוויטש אַ בן־ששים

פון מלך ראַוויטשס ערשטע לירישע לידלעך „אויפן שוועל“ (דערשינען אין לעמבערג אין 1912 צו זיינע „נאַקעטע לידער“ דערשינען אין וואַרשע 1921 ביז צו זיינע לעצטע לידער וואָס ער שרייבט נאָך איצט אין מאָנטרעאַל ווו ער לעבט שוין זינט אַ לענגערע צייט, איז ער געבליבן כמעט דער רואיקסטער, מיושב־דיקסטער דיכטער וואָס איז ביכולת דעם אַנדערנס טיפסטע אומרו, מיט זיין אומענדלעכע רו צו דערגיין. ער געהערט צו די אָרטאָדאָקסאַלע אַטעאיסטן וואָס זיין כסדרדיקער בונטעווען זיך אַקעגן גאָט לאָזט אים קיינמאָל נישט אָן דער גאָט־אידיי איבער...

און וואָס מער ער טורעמט זיך אַקעגן גאָט, דעסטאָ מער ווערט גאָט גרעסער פון אים. ווייל ער באַלאַנגט צו די גרעסטע בונטאַרן, וואָס שטייען אויף אַקעגן דער געזעלשאַפט, אַקעגן דעם לעבן און אַקעגן זיך אַליין.

ער געהערט אויך צו דעם מין אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיין אינטערנאַציאָנאַליזם לאָזט אים קיינמאָל נישט אָן זיין נאַציע פאַרגעסן. דאָס איז דער יידישער מענטש, אָדער דער מענטשלעכער ייד, וואָס זוכט תמיד אין דער יידישער דערלייזונג די וועלט־דערלייזונג.

ראַוויטש דער רואיקער און ראַציאָנאַלער בונטאַר געהערט אויך נאָך צו די ערשטע יידישע אָבסערוואַטאָרן וואָס האָבן דערזען בלוט אויף דער פאַרהייליקטער „רויטער פאָן“... און אַז די העכסטע פרייהייט איז די אינדיווידואַליסטישע פרייהייט, ווייל אָן דעם יחיד איז נישטאָ קיין רבים.

ראַוויטש האָט דערקענט, אַז אַלע אמתן זיינען אויף אַזוי פיל ריין און גערעכט, אויף וויפיל ריין און גערעכט עס זיינען די מענטשן וואָס טראָגן די אמתן צו פאַרווירקלעכן... און ווי אַ ליריקער פון גרויסן געפיל, איז זיין פאַנטעאיזמוס אויך געוואָרן עמאָציאָנאַל און אים דערפירט פון דער העכסטער עטיק און מענטשן־ליבע, צו זיין טיף אַדורכגעדאַכטן און עמפונדענעם „וועגעטאַרישן עוואַנגעליזם“. און דער דאָזיקער וועגעטאַרישער עוואַנגעליזם איז געווען דער געפערלעכער באַרג אַרויף — פון דעם אַטעאיסטנס מאַטעריאַליזם, צו דער אייביקער גאָט־זוכעניש אין מענטש, און מענטש־זוכעניש אין גאָט...

מלך ראַוויטש איז אָבער נישט קיין מיסטיקער, זיין נאַטוראַליסטישער רעאַליזם האָט אים דערפירט ביז צו דער העכסטער שטופע פון ניהיליזם. און ער האָט ניהילירט אַלע עטישע, פאַטעטישע און פאָעטישע פאָרמען אין דער פאָעזיע. זיין אָנגעהעריקייט און זיין פאַרטיידיקונג פון דער „כאַליאַסטרע“ איז דער בעסטער באַווייז דערפאַר.

ראַוויטשס עסייען, רייזע־בילדער און אָפהאַנדלונגען איבער דער יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער זיינען קלאַסיש. און פון אַלע זיינע שריפטן גייט אויף אַ בענקשאַפט נאָך אַ בעסערן, שענערן, גערעכטערן מענטשן, לעבן און צוקונפט. און דער עיקר: נאָך אַ יידישן המשך, מחמת אָן דער גאַנצער אין גלות ענטוויקלטער קולטור פון מאָראַל, עטיק, אידייען און געפילן איז בכלל נישט



מעגלעך קיין יידישער פראָגרעס. דער גלות לאָזט זיך נישט איבערשפרינגען, און טוט מען עס יאָ, דאַן מוז מען אויף דעם איבערגעהיפטן נייעם וועג וואָס פירט צום „כנעניסטישן פראָגרעס“ צולאָמען... און ווייל מלך ראַוויטש איז קיינמאָל קיין פאַנאַטישער דאָגמאַטיקער נישט געווען, האָט ער אויך צו די ערשטע „פריילאַנדיסטן“ אָנגעהערט, וועלכע האָבן באַלד איינגעזען, אַז דאָס יידישע פאָלק, די יידישע ליטעראַטור און שפראַך קאָנען זיך נישט באַגנוגענען מיט איין לאַנד, נאָר מוזן האָבן נאָך אַ לאַנד אין וועלכן זיי זאָלן זיך קאָנען פריי און אומגעשטערט פון אַלע פאָליטישע צאַנקערייען יידיש־יידיש אויסלעבן...

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ביי ראַוויטשן איז וואָס ער האָט אין זיך כולל געווען דאָס גאַנצע גאַליציש־יידישע וויסן און די טיפע אינטעליגענץ פונם פויליש־רוסישן יידנטום.

ווי יעדעס שפילעוודיקע געזונטע קינד, וואָס טיף אין זיין בלוט ליגט פאַרבאָרגן דאָס הנאה־געפיל פון נאָכמאַכן די גרויסע, אַזוי האָט אויך דער יינגער דיכטער מלך ראַוויטש ליב געהאַט נאָכצומאַכן זשעסטן פון די גרויסע... און דערפאַר האָבן אַ סך גרויסע נישט פאַרשטייענדיק דאָס זיך באַטראָפן געפילט און אים פשוט חושד געווען אין פאָזע. אָבער באמת איז מ. ראַוויטש ווייט דערפון, דער בעסטער עדות דערפאַר איז דער נישט אויסגעטראָטענער וועג וועלכן ער האָט פאַר זיין ליד אויסגעווילט. קעמפנדיק אַ לענגערע צייט אין זיך מיט דעם אינדיווידואַליזם, ווילנדיק זיך דערדראַפן צום אוניווערסאַליזם פון פרייען אינהאַלט און פאָרמען, האָט ער מבטל געווען און ניהילירט דעם קלאַסיש „אַלעקסאַנדרינישן ווערזנבוי“ (הגם ווידער דערנאָך צו אים צוריקגעקומען) און מיט אַ שטאַרק־בריסטיקן לאַנג־אָטעמדיקן פרייען ווערז, געוואַנדערט אויף די אַלפן, זוכנדיק און זינגענדיק זיין אייגענעם וועג צו דער „צוגשפיץ“..

אין יענער גאָלדענער פרילינג־צייט פון אונזער יידישער פאָעזיע, ווען די „כאַליאַסטרע“ האָט נאָך געהאַלטן אין זינגען קלעטערנדיק, און אין קלעטערן זינגענדיק — דאָס גרויסע פרייע רענעסאַנס־ליד; דערווייטערט פון אַלע אַלטע פאָרמען, ריטמען, פערזען און גראַמען. אין די גליקלעך צוזאָגנדיק ליכטיקע טעג, האָבן אָפט ראַוויטש מיט מאַרקישן ליב געהאַט אַרויסצולאָזן זיך אויף פאָעטישע וואַנדערונגען. ווו אַהין, — אין וועלכע הייכן אָדער טיפן פרץ מאַרקיש איז פאַרפאַלן געוואָרן ווייס איין גאָט; אָבער מלך ראַוויטש האָט געוואָלט ליידן, בלוטיקן און אַלעס איבערווינדן, בלייבן ווי פראָמעטיי אין דער נידער צום פעלז געשמידט, כדי צו בלייבן מיט און צווישן יידיש־ליידנדיקן פאָלק.

הגם ראַוויטש געהערט צו די דיכטער וואָס האָט תמיד ליב צו לאָזן ליכטיקן זיין אינטעלעקט איבער זיין געפיל, בלייבט זיין געפיל נישט טונקעלער ווי זיין אינטעלעקט... און ווי יעדער אומדערמידלעכער וואַנדערער און זוכער איז אויך ראַוויטש נישט פריי פונם בלאָנזשען און שטרויכלען, אָבער נישט צו רעזיגנאַציע פירט דאָס דעם ליריקער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ליד צו זינגען „אויפן שוועל“; און פון דער דאָזיקער שוועל זיך ווייטער געלאָזן: נישט אין קיין ליכטיקע געמאַכן וואָס פירן צו פראַקטיקע סאַלאָנען, אַרויס אויף רחבות־

דיקע קייזערוועגן פון וועלכע מען קומט צו ווונדערלעך שיינע גערטנער און בליענדיקע סעדער... נייערט געלאָזן זיך פון דער דאָזיקער „שוועל“ קלעטערן אויף משופּעדיקע וועגן וואָס פירן דורך אַלפּן־אָפּריסן און תהומען — צו גע־פערלעכע אַלפּן־שפּיצן. און פון די אַלע ווייט פאַראיינזאַמטע און געפערלעכע וועגן האָט אונז דער אַלפּן־טוריסט געבראַכט „אַלפּנרויזן“, מיט „איידלווייס“.

אָבער אויך נישט אויף די דערגרייכטע בערג־שפּיצן איז מ. ראַוויטש פאַר־בליבן, נאָר ווייטער זיך געלאָזן — אין די טונקלסטע תהומען און היילן פון מענטשלעכע געפילן, אידייען און באַגערן, און געזוכט אויפצוּוויקלען די טונקל־סטע ליידנשאַפטן מיט די העכסטע ליכטיקסטע פאַרלאַנגען. זיך געעגבערט אין די ברוטאַלסטע אינסטינקטן מיט די פאַרוויקלטסטע מענטשלעכע געפילן, זיי סעצירט מיט זיין פרייען בליציק־שאַרפן פערז און צעדונערטן גראַם...

ראַוויטש האָט תמיד געזוכט אַריינצוּוועבן דאָס בעסטע און שענסטע פון זיין נשמה אין זיין ליד כדי עס זאָל תמיד ווי די זון אויפשטראַלן און באַלייכטן זיין פאָלקס אייביקע בענקשאַפטן. ווייל נאָך נישט אויסגעשעפּט און קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט קאָן ווערן דער אומענדלעך טיפער ריינער שפּרודלדיקער קוואַל פונם יידישן געמיט און יידיש־יידישן ליד.

זאָל מלך ראַוויטש דער בן־ששים נאָך דערלעבן צו זינגען די מעכטיקע הימנע און דאָס נצחון־ליד פון יידיש־יידישן אויפגאַנג און איבערלעבן די אַלע יאושיסטישע און ירידיסטישע שטימונגען פון די אַלע גלות־ליקווידאַטאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

זאָל זיין זינג און זאָג אים שטאַרקן און געבן כוח צו דערלעבן די גליקלעכע צייט ווען זיין פאָלק וועט קאָנען לעבן אַ פרייען יידישן לעבן אונטער אַ פרייער גליקלעכער מענטשהייט.

---

## פראַנץ קאַפקאַ

### גיי שוין, גיי!

עס איז געווען זער פרי, די גאַסן — ריין און פוסט, בשעת איך בין גע־גאַנגען צום וואָקזאַל. קומענדיק צום טורם־זייגער, האָב איך נאָכגעקוקט צי מיין זייגערל גייט ריכטיק און באַמערקט, אַז ס'איז שוין אַ סך שפּעטער ווי כ'האָב געמיינט. איך האָב מיך דעריבער געמוזט איילן, און מחמת דער שרעק פון אָט דער אַנטדעקונג בין איך געוואָרן אומזיכער צי כ'בין טאַקע אויפן ריכטיקן וועג, ווייל אין יעדן פאַל בין איך נישט געווען גוט באַקאַנט מיט דער שטאָט. צום גליק איז אַ פּאָליציאַנט געשטאַנען נישט ווייט פון מיר. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אָן אָטעם אַ פרעג געטון דעם וועג. ער האָט געשמייכלט:

— פון מיר ווילסטו דיך דערוויסן דעם וועג?

— אוודאי — האָב איך געענטפערט — ווייל איך אַליין קען אים נישט געפינען.

— גיי שוין, גיי — האָט ער געענטפערט און זיך אָפּגעקערט פון מיר מיט אַ שוווּנג, ווי יענע מענטשן, וואָס ווילן מיט זייער לאַכן זיין אַליין.

יידיש—א. א.



## בן־א. סאַכאַטשעווסקי

### נעכטן און היינט

איך האָב מיינע לידער פון נעכטן פאַרגעסן,
און קען זיי שוין מער נישט דערקענען,
ווייל ס'האָט זיי אַ דיכטער אַ יונגער געזונגען,
מיט ווערטער וואָס גליען און ברענען.

די לידער אין נעכטן פון בענקשאַפט און ליבע,
און לידער פון קאַמף און נצחון,
ווען ס'זיינען געגאַנגען ווי ברידער פאַר'חבר'ט
די ספקות צוזאַם מיט בטחון.

די לידער פון נעכטן צעשטורמט אין גבורה,
און לידער פון אומעט און שווייגן,
און איינזאַם אַזוי ווי דער הערבסט־ווינט אין גאָרטן
צעווישן די ביימער און צווייגן.

די לידער פון נעכטן פאַר פרייד און פאַר יובעל,
און לידער פון צער און פון ליידן—
דער שטענדיקער קוואַל סיי פון אויפשטייג און זינקען,
אַ צווילינג זיך קיינמאָל צו שיידן.

האָב איך זיי געזונגען די לידער פון נעכטן,
צי עפּעס אַ פרעמדער פאַרגעסן,
אַ פרעמדער פאַרבלאָנדזשעט אויף וועגן פון שאַטנס,
פון יאָרן און יאָרן דערעסן?

איך ווייס נישט ווייל שווער איז אַזוי צו געדענקען,
און אייגענע לידער דערקענען,
ווען ס'זיינען נישטאָ מער די ווערטער די יונגע
אין לידער וואָס גליען און ברענען.

---

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“
קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

**יהודה ביעטש**

# דעם רבינס צענערל

(סוף)

לעוויס הויז, ווו ס׳האָט תמיד געהערשט אַ וואַרים־משפּחהדיקע אַטמאָספערע, איז געבליבן פאַראיינזאַמט זינט די קינדער זיינען אַוועק. ער מיטן ווייב האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען אין די פּוסט־געוואָרענע שטובן. די שטילקייט, די איינזאַמקייט האָט געהאַט אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג אויף מרס. לעוויס געזונט.

ליאַנא, ווי זי האָט זיך גערופן, האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט געקענט פּאַסירן אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. אין איר נערוועז־צעשפּילטער פאַנטאַזיע האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגערופן דערינערונגען פון אירע קינדער ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין.

די מוראדיקע שטילקייט אין הויז האָט געשוועבט פון ווינקל צו ווינקל, פאַרטרייבנדיק דעם נעכטן, וועלכער איז געווען פול מיט די קינדערס גערזאַנג און געלעכטער, פאַרשפּרייטנדיק צער, טרויער און אומעט.

אין אַזאַ צושטאַנד פלעגט זי שפּאַנען איבער די גרויסע, ליידיקע צימערן און זיך איבערגעבן אין רשות פון איצט געוואָרענע, טרויעריקע מחשבות... זיך דערמאָנט אַלע ווײַלע וועגן פאַרשידענע זאַכן און קלייניקייטן; זאַכן, וואָס זי האָט פריער נישט באַמערקט. איצט אָבער קומען זיי איר יעדע מינוט אויפן געדאַנק.

— סטייטש — פלעגט זי צו זיך מורמלען — ווי לאַנג איז גאָר ווען איך האָב מיין קליין מיידעלע געפירט אין דער שולע אַריין?

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ס׳איז ערשט נעכטן געווען. זי האָט זיך געחידושט ווי שנעל די צייט לויפט פאַרביי און רייסט מיט שטיקער פונם לעבן. מרס. לעוויס האָט זיך פאַרטראַכט: איר בת־יחידה, אויף וועמען זי האָט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען געלייגט וועגן אַ גליקלעכער, גאָלדענער צוקונפט... גיי, ריכט זיך, אַז איר באַרבאַראַ, איר איינציקע טאָכטער וועט גאָר חתונה האָבן אין דער פרעמד מיט עפּעס אַ קינסטלער אָן טאַטע־מאַמע! און איצט איז זי גאָר אַ „נערס״ אין אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע זעלנער פון מלחמה־פראָנט.

עדווין, דער זון, איר ליבלינג, איז גאָר אינגאַנצן ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן. די קליינע בריוועלעך, וועלכע ער שיקט בלויז פון צייט צו צייט, זאָגן עפּעס אַזוי ווייניק.

אַ פאַרביטערטע מיט אַ צעבראָכן האַרץ פלעגט מרס. לעוויס תמיד זיצן ביים פענסטער, אויסקוקנדיק אויפן „פּאָסטמאַן״ (בריוועטרעגער). „אפשר״, פלעגט זי טראַכטן... טיילמאָל האָט אַ מאָמענטאַלע שרעק זיך אַ יאָג געטון אין איר מחשבה, אַז זי וועט אירע קינדער שוין קיינמאָל מער נישט זען. דאָס פלעגט זי ווי צעמישן. זי פלעגט פילן, אַז עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון ביי איר אין מוח, האַרץ און נשמה.

דאָס סאַמע ערגסטע איז פאַר מרס. לעוויס געווען די נעכט. טרויעריקע, פוילע געדאַנקען, קריכנדיק אַזוי פּאַמעלעך איינס איבער ס׳אַנדערע, האָבן איר דערקוטשעט און נישט געלאָזט רוען. אירע אויגן האַלב פאַרמאַכט, פלעגט זי דורכן לייכטן שלאָף דערזען מאָדנע בילדער. ס׳פלעגט זיך איר אויסדאַכטן, אַז עס דרייען זיך אַרום עפּעס אומבאַקאַנטע מענטשן אין שטוב, איינער אַהער, איינער אַהין. דערביי פלעגט זי לייכט אַ ציטער טון, ווי עמיצער וואָלט איר מיט אַ קאַלטן פינגער אָנגערירט.

פלוצלינג איז אַ מוראדיקע שרעק איר באַפאַלן, און מיט גרויסע שמערצן אין דער ברוסט האָט ליאַנא זיך אַ ריס־אויף געטון. אַ פּאָר מינוטן איז זי געבליבן זיצן פאַרטיפט אין טרויעריקע געדאַנקען, וועלנדיק זיך דערמאָנען צי דאָס איז בלויז געווען אַ קאָשמאַר, אַ בייזער חלום.

דער וואַנט־זייגער האָט, ווי תמיד, אויסגעקלאַפּט זיין מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק און אויסגעשלאָגן די שעה׳ן.

— דאַכט זיך, אַז ס׳האָט געשלאָגן צוויי? — האָט זי געפרעגט איר מאַן.

— יאָ, ס׳האָט געשלאָגן צוויי — האָט לעווי געענטפערט.

און ווידער האָט אָנגעהויבן רוען צווישן זיי די שוואַרצע שטילקייט, וואָס דריקט אַזוי שטאַרק.

לעווי האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז עדווין איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט. פון דער ידיעה איז מר. לעווי אינגאַנצן צעטרייסלט געוואָרן, נישט געוווּסט וואָס צו טון. זאָל ער איר דערציילן דערפון אָדער נישט? כסדר עס אָפּגעלייגט מחמת איר שווערער קראַנקייט, וואָס האָט זיך אין די לעצטע טעג שטאַרק פאַרערגערט.

אפילו אויף אַ מינוט איר ער נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט, האַלטנדיק זי אין איין טרייסטן און פאַרזיכערן, אַז פריער גאָט און דערנאָך דעם רבינס צענערל; אַז אַלץ וועט אויספאַלן צום גוטן; אַז זייערע קינדער וועלן בשלום אַהיימקומען געזונט. די מלחמה קען דאָך נישט פיל לענגער דויערן!

ס׳איז געווען אַ שטילע, פינסטערע זומער־נאַכט. מרס. לעווי איז געלעגן אין בעט מיטן פנים אַרויף. איר ברוסט האָט, פון שווערן אָטעמען, זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. אירע אויגן — געווענדעט צו דער טיר, ווי זי וואָלט אויף עמיצן געוואַרט. זי האָט פלוצלינג אַ שטאַרקן ציטער געטון. עפּעס האָט זי גענומען וואַרגן אין האַלז, און מיט אַ פאַרשטיקטן „אוי״, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר מויל, איז זי צוריקגעפאַלן אַ טויטע.

האַרט נעבן בעט האָט לעווי טרויעריק געקוקט אויף דער געשטאָרבענער ליאַנא, ווי וועלנדיק איר פאַרזיכערן, אַז קיינמאָל מער, קיינמאָל וועט ער שוין נישט חתונה האָבן... ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און זיך ביטער צעוויינט.

דערנאָך איז אַלץ שוין געגאַנגען באַרג אַראָפּ. אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט האָט זיך אַרום אים געוויקלט. עס האָט אים מער נישט געאַרט וואָס זיינע געשעפטן גייען אונטער. זאָל די פירמע „לעווי ענד קאָמפּאַני״ איינפאַלן. פאַרקערט, ער בעט אפילו, אַז דער אונטערגאַנג זאָל קומען וואָס שנעלער...

גאַנצע טעג ביז שפּעט ביינאַכט פלעגט לעווי אַזוי אָפּשטיין ביים פענסטער און פילן ווי ס׳וואָלט אים קערפּערלעך עפּעס וויי געטון. דאָס בילד פון זיין טויט ווייב איז אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן. מינוטנווייז פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז נישט אין דער פאַנטאַזיע זעט ער זי, נאָר אויף דער וואָר.

די טיפע איינזאַמקייט האָט באַהערשט לעוויס נשמה. אָפּטמאָל האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז עמיצער שטייט הינטער אים, קלאַפּט אים כסדר אין קאָפּ און לאָזט אים נישט פאַרגעסן, אַז קיינער, קיינער וועט אים שוין מער נישט זיין נאָענט אויף דער וועלט. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער באָדן רוקט זיך פון אונטער זיינע פיס אַוועק.

אין אַזאַ צושטאַנד פלעגט ער אויס אַלטער געוווינהייט זוכן אין אַלע קעשענעס דעם רבינס צענערל, דערמאָנענדיק זיך בשעת מעשה ווי דער רבי האָט אים געזאָגט:

— היט עס ווי דיין אויג אין קאָפּ, וועסטו דערגרייכן אַ הויכע מדרגה.

אָבער אַז דער זון עדווין איז אים געקומען אויף דער מחשבה, האָט ער אַ שטאַרקן זיפץ געטון און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער טיפער, שטומער נאַכט אַריין. וווהין? נאָך וואָס? האָט ער נישט געוווסט און אויך נישט געפרעגט.

די שיין פון דער לבנה, וואָס האָט ווייך געשוועבט אין דער טיפער, בלאַסער נאַכט, האָט אַרויסגערופן אַזאַ בענקשאַפט ביי אים אין האַרץ נאָך אַ טרייסט פאַר זיין צעוויייטיקטער נשמה... ס׳האָט זיך אים געבענקט אַזוי נאָך זיינע קינדער. ער האָט ממש געפילט ווי זיינע כוחות לאָזן זיך אים אויס.

די מלחמה האָט זיך דערנענטערט צו איר סוף. באַרבאַראַ און עדווין, דערוויסנדיק זיך פון די לעצטע פּאַסירונגען אין דער שטוב, האָבן זיך געאײַלט אַהיים.

אין אַ פינסטערער, בלאָטיקער ווינטער־נאַכט — דעם גאַנצן טאָג האָט גערעגנט און די גאַס איז געווען פול מיט גרויסע, שוואַרצע ריטשקעלעך— זיינען באַרבאַראַ און עדווין אַריינגעקומען אין שטוב. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. דער אַלטער לעווי, גרוי און צעבראָכן, האָט אַ לייכטן ציטער־אויף געטון. באותה הרגע האָט אַ וואָלקן פאַרשטעלט די ערשט אַרויסגעשוווּמענע לבנה. אַ טרויער, אַן אימה איז אַלעמען באַפאַלן.

עדווין האָט זיך אַרומגעקוקט מיט חידוש. ווי שנעל אַלץ איז זיך צעפאַלן! די מאַמע — געשטאָרבן, די פירמע — מער נישטאָ און דער טאַטע איז אויך נישט ביים פולן זינען. קיין געלט, מיט וואָס פונאַנדערצופירן די הענט, זעט אויך נישט אויס צו זיין. אָבער דאָס צענערל איז דאָ; דאָס צענערל, אין וועלכן דער פאָטער האָט אַזאַ בטחון געהאַט און וואָס איז אים, עדווינען, אַזוי בייגעשטאַנען אין דער מלחמה. ער וועט נאָך לסוף מצליח זיין!

ער האָט אַרויסגענומען דאָס צענערל פון וועסטל־טעשל, און אַ שמייכל געטון. דאָס איז געווען זיין ערשטער שמייכל זינט ער האָט זיך דערוווסט פון זיין מוטערס טויט. נאָכאַמאָל זיך אַרומגעקוקט און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט צו דער שוועסטער:



— דאָס איז דער גאַנצער איבערבלייב פון אונזער פאַרמעגן!

מיט גרויס ליבשאַפט האָט ער דאָס צענערל צוריק איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל און עס ווידער אַריינגעלייגט אין וועסטל־טעשל, דערמאָנענדיק זיך ווי דער פאָטער האָט אים געזאָגט, אַז דערמיט וועט ער מצליח זיין.

בלויז וואַלטער דער קינסטלער, וועלכער איז מיט זיי געקומען צופאָרן, האָט באַגריפן דעם טיפן רעיון פון דעם רבינס טיפע ווערטער.

---

רבקה קאָפּע (פּאַריז)

## צען סלאָיען

צען סלאָיען איינגעמאַכטס כ׳האָב אָנגעפילט,
דער טשייניק זידט ווי ער וואָלט אַ מעשהלע דערציילט.
מיין טיש אין ווייסן איז אַ לעבעדיקע בלום
און מיין ליד — אַ טעפּיך פאַר דיר אויסגעלייגט.

אויפגעשלאָגן האָט די נאַכט אונז אַ געצעלט,
מיט מיליאָנען שטערנדיקע זילבער־שפּאַלן —
מיט האַמער־קלעפּ שלאָגט אָפּ אין מיר אַ שאַרך
און די טיר איך האַלט פאַר דיר אין איין אויפפראַלן.

שוין אָפּגעפינגערט האָט דער זייגער צען קלעפּ
און ווידערקולט און איבערשפּעט האָט אים די נאַכט.
פאַרפרוירן ליגט דער גלאַנץ איבער מיין טיש
און ס׳גליווערן צען סלאָיען איינגעמאַכטס...

---

יוסף פרענקעל

## נאָר מיט אל־על...

ער האָט געבראָמט און זיך געבייזערט קעגן ישראל. אַליין — אַ דיקער מאַנספּאַרשוין, פון באַרוף אַ פאַרטרעטער פון ענגלישע טעקסטיל־פירמעס — איז ער געווען אַן אַנטי־ישראלי. ער האָט געשאָלטן די מדינה, די רעגירונג, די געזעצן — אַלץ און אַלעמען. ער איז געווען אומצופרידן מיט דערווירטשאַפט, מיט דער פּאָליטיק, מיט תל־אביב און אפילו מיטן נגב.

געווען זיינען מיר צוזאַמען 60 פּערזאָן אין אַוויאָן פון „אל־על", אויפן וועג פון לאָנדאָן קיין תל־אביב.

„אָבער פאַרוואָס", האָב איך אים געפרעגט, „פאָרט איר אַהין, אויב איר זייט קעגן דער מדינה און קעגן ציון?"

„ניין", האָט ער אויסגערופן, „מיין רייזע איז גאָרנישט קיין ישראל, נאָר איבער ישראל קיין ציפּערן און פון דאַנען קיין דמשק. די סיריער זיינען מיינע בעסטע געשעפטס־פריינט. איך פאָר אָבער נאָר מיט „אל־על", שוין דאָס אַכטע מאָל, און כ׳וועל אין דער צוקונפט אויך זיך באַנוצן נאָר מיט די אַוויאָנען פון

„אל־על". זעט איר, מיט „אל־על" פיל איך זיך ווי ביי זיך אין דער היים, גאַנץ היימיש און אויך זיכערער. יעדעס מאָל, איידער דער אַוויאַן הויבט זיך אויף צו פליען, ווערט ער אונטערזוכט פון רעכטס ביז לינקס און פון אונטן ביז אויבן. עס ווערן אויסגעפּרווט די מאָטאָרן, די טראָג־פלאַכן און אפילו די שרויפן. דער קאַפּיטאַן, דער פּילאָט, זיין געהילף, די סטיואַרדס — אַלע זוכן און אַלע קאָנטראָלירן. איז נאָר עפּעס נישט אין אָרדנונג, אפילו ווען דער אַוויאַן באַוועגט זיך שוין אין דער לופטן, הייסט מען גלייך זיך צוריקקערן. צוריק צום פליפעלד, ווו אַלץ ווערט נאָך אַמאָל גרינטלעך קאָנטראָלירט. אָט דאָס טאַקע באַרואיקט מיך".

און ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט:

— יאָ, „אל־על" איז נישט תמיד פּינקטלעך. נישט ביים אָפּפאָר און נישט ביים אָנקומען. אָבער דאָס מאַכט גאָר נישט אויס. איין אָדער צוויי שעה שפּילן ביי מיר קיין ראָלע נישט. דאָס עולה־רגל זיין פון מיין זיידן קיין ארץ ישראל האָט געדויערט חדשים לאַנג, און מיין אַוויאַן רייזע ? 12 אָדער 14 שעה — וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז עס ? ס׳איז בעסער מיט דער פאַרשפּעטיקונג פון „אל־על" גוט אָנצוקומען, איידער מיט אַן אַנדערן אַוויאַן „פּינקטלעך" זיך צו געפינען אין אַ געפאַר. אַ דאַנק גאָט, ישראל איז אָרעם ! אַזאַ אַוויאַן פון „אל־על" קאָסט מיליאָנען און ישראל קען זיך נישט דערלויבן צו פאַרלירן אַן אַוויאַן. דערפאַר מוז מען זיין טאָפּלט פאָרזיכטיק . . . מיין רייזע פון ציפּערן קיין דמשק מאַך איך מיט אַן אַנדערן אַוויאַן, אָבער זיין פּינקטלעכקייט איז פאַר מיר אַ פּיין. איך ציטער, כ׳בין אומרואיק און נערוועז. וואָס איז זיך דאָ צו איילן ? אפשר איז עפּעס נישט אין אָרדנונג מיטן אַוויאַן ? פאַרוואָס אונטערזוכן זיי אים נישט לענגער ? פאַרוואָס שפּאָרן זיי מיט דער צייט ?

און צום סוף האָט ער צוגעגעבן :

„וואָלטן די ישראל־פּאָליטיקער געווען אין זייערע רעדעס און האַנדלונגען אַזוי פאָרזיכטיק, ווי די פּילאָטן פון ׳אל־על׳, וואָלט מען שוין פון לאַנג געהאָט שלום מיט די אַראַבישע מדינות. ווי איר זעט, מוז איך זיין אייניקע מאָל אין יאָר געשעפטלעך אין דמשק. ווען איך וועל קענען פאָרן דירעקט פון לאָנדאָן קיין דמשק מיט אַן אַוויאַן פון ׳אל־על׳, וועל איך דאַן אויפהערן צו שילטן ישראל מיט אירע פּאָליטיקער, ווייל נאָר דעמאָלט וועל איך זיך איבערצייגן, אַז די ישראל־פּאָליטיק איז געווען דערפאָלגרייך . . ."

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַזייגער.

שבת, דעם 6־טן מערץ, וויץ אינם יידישן פאָלקלאָר און הומאָר.

שבת, דעם 13־טן מערץ, לוסטיקע פאָלקס־לידער, קונסט און טעאַטער לידער. ל. דאָמאַנקיעוויטש וועט האַלטן אַ רעפעראַט.

שבת, דעם 20־טן מערץ, די טראַדיציאָנעלע פורים־פייערונג. חנה קאַוואַ וועט ריידן איבער הומאָר און סאַטירע.

שבת, דעם 27־טן — מ. מינדעל — מיינע 50 יאָר אין לאָנדאָן.



## לאָנדאָנער ידיעות

די חברים־טרופּע פון גרענד פּאַליי טעאַטער פירן אויף דעם חודש „עקדת יצחק" פון אברהם גאָלדפאַדן. די הויפּט ראָלן וועלן שפּילן אַנאַ ראַפּעל און מאַקס הילסבערג. די רעזשי פירט מאַקס הילסבערג, דער מיטגרינדער פונם „גאָלדפאַדן־טעאַטער" אין ישראל.

✡ ✡ ✡

בן־א. סאָכאַטשעווסקי, דער פּאָעט און שריפטשטעלער, ווערט דעם חודש 65 יאָר. מיר ווינטשן אים כוח און אריכת ימים פאַר זיין ליטעראַרישער אַרבעט און אויך אין זיין וויכטיקער טעטיקייט אַלס דער רעדאַקטאָר פון „די יידישע שטימע".

✡ ✡ ✡

דער באַקאַנטער יידישער שרייבער, ל. דאָמאַנקיעוויטש, פון פּאַריז, קומט אויף אַ קורצער צייט קיין לאָנדאָן ווו ער וועט האַלטן אייניקע רעפעראַטן.

✡ ✡ ✡

חיהלע גראָבער ווײלט דאָ אין לאָנדאָן. זי איז אויפגעטרעטן אויף אַ וואָרט־קאָנצערט, ווו דער לאָנדאָנער יידיש־אַריסטאָקראַטישער עולם האָט זי אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.

✡ ✡ ✡

בערטאַ זינגערמאַן, די באַרימטע לאַטיין־אַמעריקאַנישע רעציטאַטאָרין, וועלכע איז דאָ אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן, איז אויפגענומען געוואָרן ביים יידישן שרייבער־ און ליטעראַטן־פאַראיין, ווו זי האָט רעציטירט ביאַליקן, משה עובדן א.אַ. זי איז באַגריסט געוואָרן פון חברים־שרייבער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער.

✡ ✡ ✡

דער אַקטיאָר הערמאַן טוניס איז קראַנק און געפינט זיך אין לאָנדאָן האָספּיטאַל. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

✡ ✡ ✡

יוסף בולאָוו טרעט דאָ אויף מיט גרויס דערפאָלג אין אַן ענגליש טעאַטער.

✡ ✡ ✡

העלענא פראַנק, די איבערזעצערין פון י. ל. פּרץ א. אַ. איז פאַרגאַנגענעם חודש דאָ אין לאָנדאָן געשטאָרבן.

✡ ✡ ✡

מאַקס איצקאָוויטש און מינא שערמאַן, אַדא שערמאַן און מאַקס בוים האָבן אויפגעטרעטן אויף אַ קאָנצערט מיט גרויס דערפאָלג.

✡ ✡ ✡

דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד זיינען צוריקגעקומען פון זייער טור אין נאָרד־אַמעריקע.

## ישראל שאַפט אָפּ טויט־שטראָף

ווען איך האָב געלעזן די אויבנדערמאָנטע ווערטער אין אַן ענגלישער צייטונג, האָב איך אַלס ייד און מיטגליד פון אָט דער יונגסטער און קלענסטער מדינה, דערפילט אַ באַזונדערע צופרידנהייט. עפּעס האָב איך זיך מיט אַמאָל דערפילט מיט אַ קאָפּ העכער פון אַנדערע מענטשן, וועמענס רעגירונגען האָבן זיך נאָך נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון אָפּשאַפן טויט־שטראָף.

און ווען איך לעז ווייטער אין דער זעלבער צייטונג, אַז יידן אין ישראל, וועלכע וועלן געפונען ווערן שולדיק אין קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס, קענען יאָ פאַרמשפּט ווערן צום טויט — פאַרשטיי איך שוין נישט וואָס דאָס באַדייט.

געפינען זיך דען נאָך ביים היינטיקן טאָג יידישע פאַררעטער, וועלכע זיינען נאָך נישט געבראַכט געוואָרן צו גערעכטיקייט פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן ?

און ווידער, אויב דער דאָזיקער פאַרברעכן ווערט באַטראַכט פון דער ישראל־רעגירונג אַלס דער שרעקלעכסטער און גרויזאַמסטער (מיט וועלכער מיינונג איך בין פאָלקאָם איינשטימיק) טאָ וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע האָבן די ישראל־פאָרשטייער אַז אין זייערע פאַרהאַנדלונגען מיט די דייטשן רייבן זיי זיך נישט צווישן אַ באַנדע נאַציס ?

בלויז ביי דעם געדאַנק פון אַזאַ מעגלעכקייט ווערט מיר נישט גוט אויפן האַרצן און איך פיל זיך ווידער מיט אַ קאָפּ נידעריקער, אָט פּונקט אַזוי ווי יענע וועמענס רעגירונגען האָבן נאָך דעם טויט־שטראָף נישט אָפּגעשאַפט.

מ. בעקערמאַן

## תיקון טעות

אינם פעברואַר העפט נומער 169 איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות אינם ליד „וואָס איז פאַן ?“ פון י. ה. לעווי. אינם צווייטן סטראָף שורה 3 אַנשטאָט „דען מער ווי די אותיות הויל אין מאָן ?“ דאַרף זיין „ווי די אותיות הוילע און טאָן ?“

דעם באַקאַנטן יידישן קולטור־טוער
פון מעץ
**ה׳ רפאל לייזעראָוויטש און פרוי**
צו די תנאים פון אייער טעכטערל
**ר אָ ז ע ט**
אונדזער האַרציקסטן **מזל טוב !**
י. ח. קלינגער און פרוי.

---

## לייענט די איינציקע יידישע וואָכנצייטונג אין לאָנדאָן
## „ד י  י י ד י ש ע  ש ט י מ ע“

---

## ז ו נ ט י ק  א י ן  ב ן ־ א ו ר י

**זונטיק, דעם 28־טן מערץ,** 8 אַזייגער
אין 14 פאַרטמאַן סטריט, 1.11

**די מאָדערנע יידישע דיכטונג**

פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

---

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה **גוסטעל פאַלושאַק**, די פרוי פון אונזער פריינט **אליהו פאַלושאַק**, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפעראַציע און געפינט זיך אין לאָנדאָן האָספּיטאַל.

נעט רובין און א. נ. שטענצל.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 171) | פופצנטער יאָרגאַנג | אַפּריל 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט:


דאָס ליד פון אַלע לידער, די פּרק־פאַריידישונג פון שיר השירים, אליהו הנביא—1954 ** 1
דער גלעזערנער באַרג (אַ פסח־דערציילונג) ........ רחל מירסקי 5
אויסגעלייזט די וועלט מוז ווערן (אַ פסח־ליד) ........ יוסף הלל לעווי 10
יציאת... פאַרוק (אַ מאָדערנע זמן־חרותנו־ווערסיע) ........ ל. האַכשטיין 11
נטע וואַסער־טרעגער דער אליה־נביא (אַ שטעטלדיקע פסח־לעגענדע) ........ משה דאָמב 12
ירושלים (אַ ליל־שימורים־באַלאַדע) ........ א. נ. שטענצל 15
די פרויס ראָלע פסח (פעליעטאָן) ........ ל. ש. קרעדיטאָר 18
ג ע ו ו י ס ן (ליד) ........ בן־א. סאָכאַטשעווסקי 20
אין געוועב פון יחוס ........ מ. אַלמאַן 21
דער באַשלוס פון „פריינט פון יידיש לשון“ מכוח די דייטשע רעפּעראַציע געלדער
צאָלונגען (ליד) ........ יוסף פערלשטיין 23
ירושלים—1905 ........ האַרי פינקעלשטיין 24
ו ו אָ ג ש אָ ל (ליד) ........ רבקה קאָפע 25
אַ תפילה אין דער נאַכט ........ אליהו פאַלושאַק 26
בערטאַ זינגערמאַן אין לאָנדאָן ........ י. ה. לעווי 27
אריה לייב הערש ע״ה ........ רחל דון־יחיא 28
1) די פורים־פייערונג פון פריינט פון יידיש לשון;
2) פריינט פון יידיש לשון וועסט־ענד בראַנטש (באַריכטן) ........ נעט רובין 29
שאר־ירקות ........ ש. 31
לאָנדאָנער ידיעות ........ 32
קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אַבאָנענט־פרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England